# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

11־14 | 443־46 | 37'סטער יארגאנג | יאנ.־אפריל 1976 | לאנדאן

## מעות־חטין

דער פוסק, „בית־יוסף" אויף הלכות פסח
א גאנצן „שלחן־ערוך" האט ער אויפגעשריבן;
חומרא אויף חומרא, אן איסור אויף אן איסור —
א גרויסער בארג חורב האט זיך צונויפגעקליבן!

אז וואס איז שוין אן אשת־איש, מישטיינסגעזאגט,
קייגן א מה־שהוא חמץ אין פסח, חלילה — —
א יידענע, וואס וואשט, רייבט, רייניקט און סקראבעט
און איפן סדר זי פאלט איזעק ווי צו נעילה.

אז וואס מיר אייער, רייבעכטס, בשר ודגים —
פול די הגדה מיט נסים, ליידיק די שיסל!
א מאנדל קינדערלעך, זאל לעבן, פרעגן
די פיר קשיות און אין דער טאש איין ווערעמדיק ניסל.

איז געקומען דער רמ"א, דער פוילישער ייד,
א „מפה" איפן טיש געטוען טון פארשפרייטן,
און ארעמסטע שטוב צומאל פול מיט אלדאס גוטס
און עס זעט אויס יום־טובדיק, ממש ווי ביי לייטן —

א פעסל מיט אנגעשטעלט בארשט אין ווינקל,
א פלאש ראזשינקע־ווייַן און קארטאפל און אייער;
ניין, נישט קיין כפרה־הינדל — א פעטע גאנדז!
און ס'מעג זיין ווי טייער, דער מארק ברענען ווי פייער.

און קוקט דאך אן אצינד די מלכהביים סדר!
אויסגעצירט אין אטלאס, אין סאמעט, אין זיידן — —
ערשט דעם פרינץ, דאס יונגסטע קינד, דער קשיא־פרעגער,
מיט זיין קולעכל, ווען ער נעמט זיי אויסריידן.



וויליאם י. פישמאן

## אהרן ליבערמאן און די יסודות פון יידישן סאציאליזם

דעם צוואנציקסטן מאי, 1976, ווערט הונדערט יאר זינט עס האט זיך געגרינדעט די „אגודה הסוציאליסטים חברים" — יידישער סאציאליסטן־פאריין — מיט אהרן ליבערמאן בראש. א מנין מענטשן, וואס איז באשטאנען פון פינף שניידערס, איין היטלמאכער, איין מעבל־סטאליאר און די איבעריקע אומבאקאנט, האט אויף זיך גענומען די עבודה צו פראקלאמירן די דאזיקע גרינדונג. אן אלגעמיינע אפשטימונג האט אויפגערופן ליבערמאנען צו זיין דער סעקרעטאר און ער האט זיך אונטערגענומען צו פארמולירן די סטאטוטן פון דאזיקן פאריין, און אט די סטאטוטן האט דער פאריין אנגענומען אויף דער צווייטער פארזאמלונג, וואס מען אט אפגעהאלטן דעם 27־סטן מאי, 1876.

ליבערמאן האט געשריבן: „היות די ארבעטער פון אייראפע און אמעריקע האבן זיך שוין צוזאמענגעגרופירט אין פארשיידענע פאריינען און ארגאניזאציעס, כדי צו וועקן די עקספראפריאירטע און זיך צו ווידמען דער רעוואלוציע פארן זיג פון ארבעטער־סאציאליזם, אזוי בינדן זיך מיר, יידישע קינדער, און שליסן זיך אן אין דער דאזיקער נאבעלער אליאנץ און צו אט דעם צוועק האבן מיר געשאפן א יידישן סאציאליסטישן פאריין".

ליבערמאן אליין, א געוועזענער משכיל, איז אנטלאפן פון רוסלאנד און די אכראנע האט אים פארפאלגט פאר באטייליקן זיך אין רעוואלוציאנערער פראפאגאנדע אין ווילנע. צו זיין באדויערן, האט ער דערפארן, אז נישט געקוקט אויף דער יידישער באטייליקונג אינם קאמף קעגן צאריזם, האבן זיינע נאראדניקי־חברים אלץ זיך געהאלטן ביי זייערע פאראורטיילן בנוגע יידן. ער איז געקומען קיין ענגלאנד, אין יאר 1875, און דא האט ער זיך באפריינדעט מיטן ראש פון רוסישן סאציאליזם, פיאטר לאווראוו, וועלכער האט אים אנגעבאטן א פאסטן אלס זעצער און זשורנאליסט, אנווייזנדיק אים צו לעבן צווישן די ארעמע יידישע אימיגראנטן אין דער איסט־ענד און צו ווירקן צווישן זיי. אט דא האט ער געפונען א יידישן פראלעטאריאט, עקספלואטירט פון די מייסטערס און פאראכטעט פון די איינגעבוירענע ענגלענדער. דאס האט אים געפירט צו גרינדן אן אויסשליסלעך יידישע פארטיי, וואס זאל קעמפן צו ארגאניזירן די יידישע שניידערס — א פאך, אין וועלכן די מערסטע יידישע אימיגראנטן זענען געווען באשעפטיקט — און אן ארבעטער־פאריין און זיי צו געווינען פארן סאציאליסטישן געדאנק.

בשעת א בארימטער דעבאטע אינם פאריין האט ער דערקלערט, אז זייער יידישע אידענטיטעט איז פיל וויכטיקער ווי די דאגמאטישע אנטירעליגיעזע אסימילאטארישקייט פון געוויסע מיטגלידער, וואס האבן פארלאנגט אפצוהאלטן א פארזאמלונג דווקא אין תשעה באב! ליבערמאן האט זיי דערמלט אפגעענטפערט, אז תשעה באב איז דער טאג, ווען מיר יידן האבן פארלוירן אונזער אומאפהענגיקייט און אונזער פאלק טרויערט דערויף עד־היום, מער ווי 1800 יאר. פאר יידישע סאציאליסטן, פונקט ווי פאר אלע אנדערע יידן, האט תשעה באב די זעלביקע באטייטונג, און דעריבער, מהמת אט דער באטייטונג, דארף מען אפלייגן די פארזאמלונג אויף אן אנדערן טאג. דער עולם האט מסכים געווען.

שפעטער אין זעלביקן יאר — 1876 — האט ער אנגעשריבן און ארויסגעגעבן א „רוף צו דער יידישער יוגנט" — ממש דער ערשטער יידיש־סאציאליסטישער מאניפעסט אויף העברעאיש, און מען האט אים אריינגעשמוגלט קיין רוסלאנד און פוילן. דער רוף איז געווען געווענדט אויסשליסלעך צו יידן, ווען ער האט דרינגלעך גערופן זיך אנצושליסן אינם קאמף פאר סאציאלער באפרייאונג, ספעציעל, נאר זייט ביי זייט מיט אנדערע פעלקער.

ליבערמאנס פאריין האט עקזיסטירט בלויז א קורצע צייט, אן ערך פון זעקס חדשים און צוגעצויגן מאקסימום פערציק רעגולערע מיטגלידער. די „שיינע לייט", דער אויבנאן פון דער אנגלא־יידישער געזעלשאפט, די לאקאלע רבנים און די שניידער־מייסטער אלע צוזאמען האבן אים צעשטערט דורך געמיינזאמע אטאקעס. ליבערמאנס טעטיקייט אבער לייגט דעם חותם אז זיין באמיאונג איז ווערט געווען זיין רעפוטאציע, וואס בער בארכאוו און משה שערטאק האבן אנערקענט, באצייכענדיק אים אלס דער פאטער פון סאציאליסטישן ציוניזם.

---

פון בוך „יידישע ראדיקאלן אין דער איסטענד" — 1975; א בוך, וואס איז פרעמירט געווארן פון דער „דזשואיש קראניקל".

פון קאפ ביז פיס א שפאגל־נייער אנגעטון
ס׳סאמעטן היטעלע, די ט׳זשן פיל מיט ניסן;
שפילנדיק, ס׳קויקלט זיך ווי אין גריבל אריין
יעדעס ווארט פונם מיילעכל דעם ליבן זיסן —

יא, ווייל ס׳האט דער רמ״א אויפן „געדעקטן טיש״
זיין יום־טובדיק „טישטיך״ פארשפרייט — בלויז צוגעשריבן:
„הגה״ה״ — ביי אונז יידן איז מען זיך נוהג
„מעות־חטים אויף פסח ווערט צונויפגעקליבן״.

## ביים לעצטן סדר

ביי מיין לעצטן סדר אוועק פון דער היים
דערפילט אויף מיר טאטנס ווײ־פארטיפטן בליק,
נשתנה כ׳בין געווארן — ממש א קינד!
ווי אמאל מיט א מאנדל יארן צוריק —

א שטימעלע, צעתמט, „מה־נשתנה״ פרעגט,
א מין בת־קול פון הימל, כ׳האב קוים דערקענט;
א חומש־יינגעלע פרעגט די פיר קשיות
און ביי יעדער קשיא ס׳פאטשט צו מיט די הענט.

יא, דעם אפיקומן איך האב געגנבעט,
און דער טאטע האט זיך געמאכט ווי נישט זען;
א, ער האט זיך נישט געברויכט ערשט צו מאכן —
זיין בליק פון טרערן־פרייד פארגאסן געווען.

ווען גענומען זינגען „והיא שעמדה״,
זאג איך צום טאטן: „ווייסט וואס עס פאלט מיר איין?
דעם פראסטן, פשוטן פשט פונם פסוק
איז דאך לגמרי ממש נישט צו פארשטיין!

דער אמתער מיין, מסתם, מוז אזוי זיין:
טאקע דאס־א, וואס זיי האבן רק געוואלט
אונז פארלענדן גאנץ, איז אונז בייגעשטאנען — —
ווײ וואלט געווען ווען זיי האבן אונז האלד.

מיר וואלטן זיך דאך צעקראכן ווי די מייז,
ווען זינקען עס נעמט א שווערע שיף אין ים,



אז קיין זכר פון אונז ס׳וואלט נישט געבליבן,
חלילה וחס — — דאס איז דער פשט, מסתם״.

טאטנס אהבה־בליק, יענעם אויגנבליק,
מאמעס ארויפפאלן אויף מיר מיט געוויין,
א, ביידע, יעדער אויף זיין אופן, האבן
דערפילט דעם גאנג פון מיין לעבן ווי ר׳וועט זיין —

## „כנגד ארבעה בנים דיברה תורה״

א.

איז משה געווען א ייד צי א מצרי?
אין א צייט ס׳יידישע פאלק אזוי פארלוירן,
זיך שטעלן געקענט אזא מין קלאץ־קשיא?
אין חומש־מעשהלע איז משה געבוירן!

אין די גרעסטע חבלי־לידה פונם מענטש,
אין ים־סוף אין־סוף פון בלוט און טרערן,
אויפן חושך־בראכשטול פון צעוויטאקטע מאמעס,
אזא בלויז געקענט ליכטיק געבוירן ווערן.

אין שווייס פון שווערער עבודת־הפרך,
אונטער די בייטשן פון ביטערסטע אנטרייבער,
זיך דערצויגן און גרויס ארויסגעוואקסן
דער גרויסער עבדים־באפרייער אנהייבער.

נאר א מין יידל מיט „פאטער־קאמפלעקסן״,
זיין גאנץ לעבן געוואלט פון זיין פאלק אנטלויפן,
מיט „מינדערווערטיקן״ מה־יפית געקריך
עבדימדיק ביים פריץ זיך איינצוקויפן.

אזא קשיא געקענט פרעגן — — — תירוץ איז:
„והאיש משה!״ גרעסטער מענטש אויף וועלט געווען!
ווען פון אלע ווײ־חכמס קיין זכר שוין,
ס׳מעשהלע פון זיין געבוירן נאך אלץ לעזן.

ב.

קוקט דאך אן דעם קאמיק־וואיאזשאר,

מיטן גאלדענעם מענדאל אויסגעצירט —
אנוואר סאדאטס מלאך־הגואל,
ווייל ישראל ביי דער נאז ארומפירט.

הא, דער וויעטנאם נאבל־פרייז־טרעגער,
ס׳גייט אים איינס נאכן צווייטן ווי געשמירט —
פון דער שטאט פירט ס׳מאשקע־חזירל,
ווייל דעם דעטאנט אזוי וואויל אויסגעפירט.

ווער ווייסט וואס אזוינס דערגרייכן קאן?
ישראל מיט אן אטאם־באמב כאטש פארויס מארשירט!
כשרן מעשה הערעשימא — — —
ווער ווייסט וואס אלץ אזא קאלקולירט.

ג.

גארנישט קיין נאר — ר׳האלט אייך נאר דערפאר!
ער מאכט זיך בלויז טאמעוואטע;
ער פינטלט מיט זיינע גלאץ־אייגן
צו די הונגעריקע און זאטע.

קונציק ר׳דרייט זיך אויפן קנאפל
אזוי, אז צו ביידע ער איז יוצא
און ווי עס לוינט זיך טאקע בעסער,
דארטן כאפט ער די האניק־מציאה.

פסח אבער קיין חלה נישטא,
מ׳עסט רק פיעטרישקע, כורך, מצה
ווערט ער וואטע־ווייך, טאמעוואטע,
קנייטשט הויך פעט־צעשטערנטע גלאצע.

ד.

איז דאך א מנהג, אז אין חול־המועד
ווערן שידוכים, מיט מזל, געשלאסן;
שלאג איך פאר א שידוך קיסינגערן
חבר קרייסקין, דעם פארטיי־גענאסן.

ס׳וואלט באמת געווען שתי־כפרות



ביום אחד, און פטור אן עסק:
די בתולה וועט שוין ברענגען פרנסה,
און דער חתן־בחור, א, ווי פלייסיק.

נאך אזא חתונה אויף בית־קברות
וועט דאך די מגיפה שוין אויפהערן —
פון אזא גליקלעך פארל ווי וועלן
זיך דאס יידישע קינדערלעך מערן.

## א קשיא מיט א תירוץ

פארוואס משהס נאמען נישט אין דער הגדה,
איז עס דאך פון דער באפרייאונג דאס פרייד־געזאנג!
און איז ער נישט געווען דער משיח־שליח,
דער פירער אין דעם לאנגן מדבר־וויסטן גאנג?

נישט אויסגעשריגן: „אם אין מחני־נא״!
ווען ג׳אט אים געזאגט: „אין לאנד וועסט נישט אריינגיין!
ג׳אט א ברירה געהאט? געמוזט אים אריינלאזן!
נאר מסתם קיין סך אים נישט געלעגן דעריין.

## משה אויפן הר־נבו

אנגעקומען צום בארג פון אלע בערג,
האט ער אים נישט געקענט מער אריבער —
„מענטשן פארזינקען טיף אינם ים,
און זינגען גאר?״ דער טויט אסך ליבער!

מיין קנעכט וועט אייך שוין אין לאנד אריינברענגען,
מיך לאזט זשע אסך בעסער דא איבער.

אויב ככל הגוים מ׳מוז דעמלט ווערן,
אן אייגענע מדינה צו האבן,
טא לאזט מיך ליבער אויף דער זייט בארג איבער,
שטארבן דא און ווערן דא באגראבן.

אויב „לא תחיה כל נשמה״ א מצווה?
קאנען מיך פרעסן צומאל די ראבן!

אז דאס פאלק אזעלכענע ווערטער דערהערט,
האט עס משהן טאקע געלאזט ליגן,
און געלאזט זיך, באוואפנט און מיט געזאנג,
ס׳לאנד צו ירשענען און צו באזיגן.

אים קובר צו זיין כביכול אליין
פון הימל אויף דר׳ערד אראפגעשטיגן.

## אויך אויף דער קשיא האָרט רש״י א תירוץ . . .

„עולים ואחרי כך יורדים?״
רש״י די קשיא שוין געטון א פרעג;
איז זיין תירוץ, זיין געלונגענער,
גילטיק אויך פאר די היינטיקע טעג:

„יענע גאָט־גוטע מלאכים,
וואס יעקבן קיין בית־אל באגלייט,
זיינען אויפן הימל ארויף,
און נייע האבן אראפגעאיילט״.

אט־א די נייע, אפנים,
צוביסלעך ביוראקראטיש געווען — —
„מה נורא המקום הזה!״
זיך אויפגעכאפט, ווען זיי ר׳האט דערזען.

## בלייבט דאך אלץ די אלטע קשיא

א

בלייבט דאך אבער אלץ איבער די הארבע קשיא?
ענטפערט דערויף תיכף דער הייליקער רש״י.

ערשט דעמלט יא, ווען פון אלע שווערע שטיינער
עס וועט טון ווערן אן איינצידיק איינער,

וועט דאס גאנצענע לאנד צוקאפנס אונז ליגן
און איבער אלע שונאים מיר וועלן זיגן.

ב

ענטפערט ער דאך אויף נאך א הארבערער:



„ווען די פעלקער וועלן נעמען פרעגן
און זיך געוואלטיק טוען אויפרעגן:

ווי קומט איר ס׳לאנד כנען איינצונעמען,
די פעלקער פון דארטן צו פארטרייבן?
דערפאר טוט זיך דאך בראשית אנהייבן.

די תורה — נישט „החודש הזה לכם״ —
איך, וואס האב די ערד באשאפן — כ׳לעבן,
איז וועמען איך וויל קאן איך זי געבן״.

## פארוואס גייט מעןביים סדר אין קיטל?

פארוואס גייט מען ביים סדר אין קיטל
און ביי „שפוך חמתך״ עפענט מען די טיר?
מען זאגט דעם שונא אין פנים אריין אלץ,
און וואס דו ווילסט און וואס דו קאנסט טו מיט מיר.

אט שטיי איך גרייט, אין די סובות אנגעטון,
גרייט אויסצואטעמען איצט דעם לעצטן הויך;
אפן אין דיין פנים אריין שריי איך דיר
דעם „שפוך חמתך״ הויך מיט מיין גאנצן כוח.

## „לא תתעב מצרי כי גר היית בארצו״

וויפיל געטלעכקייט אין אזא מצווה,
א געבאט איבער מענטשלעכן פארשטאנד:
„זאלסט נישט פאראומווערדיקן קיין מצרי,
ווייל א גר ביזט געוועזן אין זיין לאנד.״

גאנצע וועלט געקענט חלילה האסן,
ווען נישט געווען דער דאזיקער געבאט;
ווייל אין וועלכן לאנד אויף דער גארער ערד,
נישט געפלאגטע גרים געווען, א גאָט?

אזוי אבער, האסט אונז אויסגעקליבן —
דיין וואנדער־פאלק זיין געוועזן באשערט!

אלע פעלקער אין ליבשאפט פעראייניגן,
איין ברידער פאלק איבער דער גארער ערד.

דריי שריט פאראויס און צוויי שפרונג אויף צוריק,
אזוי פון דער געשיכטע דער גאנג;
דערפאר ביזגל צום ציל אנצוקומען,
דויערט עס דור־דורות אזוי לאנג.

און וויל מען עס וואס גיכער דערגרייכן,
מיט קונסשטיק, מיט טריק, מיט פאליטיק,
נו, גייט מען טאקע זיבן שריט פאראויס
אבער איבער פגרים געיאגט צוריק.

יא, „אף־על־פי שיתמהמה“,
בכל יום אחכה לו שיבוא“ — —
און דער סימן צום ציל אנצוקומען:
אויף ערד האס אויפהערט צווישן ייד נ׳גוי.

דריי שריט פאראויס און צוויי שפרונג אויף צוריק,
אזוי פון מענטשלעכן געדאנק דער לויף;
דערפאר מיט זיין פלינקסטער ווײ־חכמה מענטש,
קיינמאל נישט דערגיין ר׳וועט דעם אין־סוף.

## „כטוב לב המלך ביין““ — מגילת אסתר א׳, י׳ —

נאך א מלכותדיק „שולחן ערוך“,
„קניידלעך“ אנגעלאדענעם בויך;
„דיינו“דיק העלדיש בגילופין,
פון די כוסות אז ס׳גייט א רויך.

אז וואס אויף דער לונג דאס אויף דער צונג —
שכורלעך ער טוט זיך אן א כוח!
און וואס ס׳טראכט זיך טיילמאל אין דער שטיל,
מ׳שרייט אין גאס ארויס גאנץ הויך.

נאך האלבער נאכט קיין מענטש נישט צו זען,
נאר פולע לבנה אין דער הויך — —
פארשעמט, שמייכלדיק הארכט זי זיך צו,
א ייד, נעבעך, גיסט אויס זיין „שפוך“.



## ח ד ־ ג ד י א

א חד־גדיא שפיל איז דאס לעבן,
איינער דעם צווייטן רק אויפצופרעסן;
ס׳שלעכטע, וואס איינער צווייטן פארשאפט
געדענקען מיר, די פרייד מיר פארגעסן.

אז אונטער יאנקעלעס וויגל שוין
עס טוט זיך דאס ציגעלע באהאלטן,
איי־ליו־לו ליד — א ייד צו בלייבן,
דעם גאנצן חד־גדיא אויסצוהאלטן.

מכות, מכות יעדער טראפ לעבן,
ס׳ביטערע פון מרור יעדער ביסן,
צי בלייבט דען עפעס אנדערש איבריק
ווי כוס נאך כוס אין זיך אריינגיסן?

דורך פייער, דורך וואסער ס׳גייט דער ייד,
געמשפט ער ווערט באש ובמים,
ווי א ווידוי לעצטער אויסגעשריי
„לשנה הבאה בירושלים!“

## לשנה הבאה בירושלים

י־רו־ש־ל־י־ם, עיר הקודש,
פון אירע קינדער איצט באשיצט, באהיט
און שכינהדיק געהייליקט ס׳פילט זיך
אומעטום וואו סגעפינט זיך א ייד.

גלגל־ערד גרויס — גלות־געגאנגען!
געליטן,געגארט, געהארט און געווארט — —
די „אף־על־פי שיתמהמה“־פרייד —
א ליבשאפט נישט געווארן אפגענארט!

אין זכות פון דער הייליקער שטאט,
עס וועט די וועלט ווערן הייליק צוריק — —
י־רו־ש־ל־י־ם, עיר הקודש,
צווישן פאלק און פאלק די בריק.

מיט אונזער אויסלייזן — די שכינה
זיך באווייזן! יעטוועדער וועט זי זען — —
איז דאך די גאנצע וועלט פול מיט איר,
אז אזא וואונדער געקאנט האט געשען.

וואס איז דען גאט? גוטסקייט און גענאד!
און אלץ איז פארגעבן און אלץ איז פרייד —
די גאנצע ערד מיט אלע מענטשן
איין הדוודיקער הארא־טאנץ זיך דרייט.

קאן דען זיין א גרעסערע שמחה,
קינדער קומען צו א מאמען אהיים?
פונם אויסגעלייזטן עם־ישראל
ס׳איז ירושלים די עיר ואם.

## „מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן"

שיר־השירים ג. ו.

א

א ווילדע וויסטעניש די וועלט,
נישט משיג צו זיין, קוים צו גלויבן;
א פולע מיט קולטור, מיט גייסט,
מיט גאט אין הימל אויבן.

אין גאנצע שטעט מיט יידן אוועק,
מיטן קרעמאטאריע קוימען — —
נאר אשמדי און לילית געקענט
פון אזא „חתונה" טרוימען.

אונטער חופה שטייען זיי ביידע —
ס׳פארל פון עולם־השקר!
ס׳מצוה־טענצל פויקן הארמאטן,
באגלייט פון לוויה־גלעקער.

„קשה כשאול קנאה"*! וואס פון דעם,
וואס פון דעם געבוירן ווערן?
זיין ערשטער אטעם אויף בראך־שטול,
געקייך פון אטאם־געווערן.

---

* שיר־השירים ח. ו.



ב

## צו דיין יארצייט

צווישן אהבה און תאווה
די וואר, ס׳הארץ נאר קאן אויסגעפינען —
א שוועלבל צעצאפלט שוועבט עס,
פליג צווישן ווילד־געוועב פון שפינען.

„עזה כמות אהבה" — —*
בלויז דעם טויט צי קען ווערן דערפילן?
נישט אומזיסט מלאכל אמאר
מיט פייל־און־בויגן ס׳טוט זיך צילן.

„ברח דודי ודמה לך לצבי"**
דער לעצטער פערז פון שיר־השירים;
פון טויט אבער וואו אנטלויפט מען,
ווען ס׳הארץ פול ווערט מיט טויט־הרהורים?

אין ליד די ליבע באזונגען — —
און דעם טויט צי האט ווער באגריפן?
סערענאדע הילכט אין פענסטער,
פון פייגל אויף דאך אויסגעפיפן.

## די ווארשעווער געטא-אויפשטאנד העלדן

שמשון הגבור בלויז די זיילן איינגעבראכן,
און זיי, מיט זייער לעבן — זיג פון גרעסטן נצחון!

דעם טעמפל פון רשעות צום גרונט געטון צעשטערן,
אז שנאת־חינם שוין אויף אייביק זאל אויפהערן.

נאך ארבע־מיתות טויט, גאז־קרעמאטאריע,
צו באווייזן אזא מסירת־נפש גלאריע — —

נאר קדושים־העלדן לעבעדיק באגראבן,
ווי לעמפערטן אויפשטיין, קיין שום פחד צו האבן.

---

* שטארקער ווי דער טויט איז די ליבשאפט — שיר־השירים
** אנטלויף מיין פריינט — ווער א הירש — שיר־השירים

אז איר דעם כוח געהאט מיט איין גבורה־טראסקע,
אראפצורייסן זייער קראפט־און קולטור־מאסקע!

קוק דאך אן די פראצע, די גזלן־און־ביר אויגן,
אחוץ צו רציחה, צו וואס נאך קאן זי טויגן?

אז באזיגן אזא, מענטשן געקענט באוויזן,
א סימן, אז דער מענטש בכוח נאך זיך צו דערלייזן.

## דער אייביקער ייד

אויב מען וויל דערגרייכן אייביקייט,
מוז מען ברענען ווי דער סנה געברענט;
אינם לעצטן פונק ערשט אינם הארץ
דער אייביקער ייד ער ווערט דערקענט.

ווי גרויס מוז ער דאס זיין דער בארג אש,
אז לעצטער פונק אזא באשיצט ווערט;
ווערט ער, חלילה, אויסגעלאשן,
זיין פלאקער אויף אייביק שוין צעשטערט.

וואס געוואלטיקער די קופע איז,
א סימן, אז דער פונק איז באהיט?
דער סנה ברענט און ווערט נישט פארברענט,
דער סימן דאך פון אייביקן ייד.

## ד י  כ ו ת ל

אויב ווי פון דער ווארשעווער געטא־וואנט,
פון דער כותל זיך ווארפן אין די פלאמען,
מיט די לעצטע קדושים־גבורים,
כביכול, אליין שוין זיין צוזאמען . . .

שטייט נישט „עמו אנכי בצרה" — — —
בפירוש אזוי ווארט־ווערטלעך געשריבן?
יא, נישט דו אונז — מיר דיך צו באשיצן!
אויף דעם־א אונז אפשר אויסגעקליבן?

ס'איז דיר, אפנים, מיאוס שוין פאר דער וועלט



און ס'ווילט זיך דיר איצט פון איר פטור ווערן?
ס'וועט דיר לייכט אנקומען זי צעשטערן — —
דו אבער קיינמאל נישט קענען אויפהערן!

יא, אויב פון דער ווארשעווער געטא־וואנט
קיין שטיין אויף א שטיין נישט איבערגעבליבן,
די כותל ווי געשטאנען בלייבן שטיין — —
אן עם קשי־עורף האסט דיך אויסגעקליבן.

## ש פ ו ך  ח מ ת ך

שטייענדיק פארן בארג שיך אין אוישוויץ 19'טן אפריל 1967

„של את נעליך",
טו אויס דיינע שיך — —
אויב דאס איז א מענטש,
אויף אלע פיר קריך!
נישט פאר גאט — פאר זיי,
געבוקט האב איך מיך.

גערויכערט צו דיר,
קרעמאטאריע־רויך?
בעסער חיה זיין,
אויב גאט אזוינס ברויך,
און מענטש געטון עס — —
קל נקמות, שפוך —

## אויפן אומבאקאנטן קבר פון די זעקס מיליאן קדושים

וואס אין דער תורה ס'האט גאט געשריבן,
און פון שטרענגסטן נביא שווערסטער פארלאנג,
עס האט אינם שטעטל דער מינדסטער ייד
מקיים געווען מיט פרייד און געזאנג.

האט עס גאט צו זיך ארויפגענומען,
אין כסא־הכבוד אריינגעקריצט,
און ווען ס'שלעכטס פון מענטש צום הימל שוין שרייט,
קוקט ער דערויף און די וועלט ער באשיצט:

„אויב פון מעשי ידי אזעלכעס,

עס איז דאך ארויס און עקזיסטירט עס האט,
האב איך מיך לגמרי נישט צו שעמען
מיט מיין ארבעט — פארוואר ווי איך בין גאט!"

און א שמייכל עס גיט דער באשעפער — —
און אז גאט שמייכלט, פרייד ווערט אויף דער ערד,
און וואר ווערט אויך די נביאימס גוטע רייד,
און דאס יידישע פאלק אויסגעלייזט ווערט.

הערשי פאצאנאווסקי

## איך זאג יזכור

איך זאג יזכור, נאך מיינע עלטערן, שוועסטער און ברידער,
פון די קרעמאטאריע קען איך זייער געוויין הערן;
די בלעטלעך פון מיין סידור
זענען נאס, פון מיינע טרערן,
אבער מיינע אויגן, קענען נישט מער טרערן פארגיסן.

האב איך דאך א הארץ
אין דאס ווערט אין מיס צוריסן,
א צוריסן הארץ
צו היילען איז שווער!
אזא גלייב איך
אן א הארץ, אן א טרער.

אבער יזכור איך זאג,
מיט דעם סידור אין מיין האנד,
און דאס דערמאנט מיך
אין מיין משפחה,
וו מיר וואלטן געווען אלע ביינאנד.

שלום־עליכם צו דער 60'סטער יארצייט פון גרויסן קלאסיקער

## אליהו הנביא

א פאנטאסטישע געשיכטע מיט א רעטעניש לכבוד פסח

נישט גוט צו זיין א בן־יחיד, א ציטעריגער ביי טאטע־מאמע. „פון זיבן איינער געבליבן". דא—נישט שטיי, דארט—נישט גיי. דאס נישט עס, יענס—נישט טרינק. דעם קאפ—דעק צו. דעם האלז—פארבינד. די הענט—באהאלט. די נאז—שנייץ אויס. אך, נישט גוט, נישט גוט צו זיין א בן־יחיד. און נאך א נגידס א יינגל דערצו. מיין טאטע איז א נגיד. א חלפן איז ער, גייט ארום מיט א טארבע מינץ איבער די קלייטן. בייט זילבער אויף מינץ און מינץ אויף זילבער. זענען דערפאר ביי אים די פינגער תמיד שווארץ און די נעגל צעטריסקעט. הארעווען הארעוועט ער אפילו זער שטארק. אלע טאג, אז ער קומט אהיים, איז ער אויסגעמידט און צעבראכן. „נישטא קיין פיס—קלאגט ער זיך פאר דער מאמען—נישטא קיין פיס, קיין סימן פון קיין פיס". . .

נישטא קיין פיס—עס קען זיין. דערפאר האט ער אבער „פרנסה בשפע".—אזוי זאגן אלע און אלע זענען אונז מקנא, וואס מיר האבן פרנסה און נאך בשפע. די מאמע איז צופרידן. איך אויך. „א פסח ביי מיר היינטיקס יאר—אויף אלע יידישע קינדער, רבונו־של־עולם". . .
אזוי זאגט די מאמע און דאנקט גאט, וואס מיר האבן אזא פסח. איך אויך. נאר ווי דערלעבט מען אים שוין, אט דעם פסח?. . .

קוים דערלעבט פסח, דעם ליבן, טייערן פסח. אויסגעקליידט האט מען מיך בגדי־מלכות, ווי עס פאסט פאר א נגידס א יינגל. וואס קומט מיר אבער ארויס, אז איך טאר נישט ארומשפרינגען אינדרויסן—איך וועל מיך פארקילן; אז איך טאר נישט ארומלויפן מיט אלע קבצנישע קינדער—איך בין א נגידס א יינגל. אזעלכע שיינע מלבושים—נישטא פאר וועמען צו בארימען זיך. א פולע קעשענע מיט ניס—נישטא מיט וועמען צו שפילן.

נישט גוט צו זיין א בן־יחיד, א ציטעריגער, וואס פון זיבן איינער געבליבן, און נאך א נגידס א יינגל דערצו.

דער טאטע האט אנגעטון די בעסטע קאפאטע און איז אוועק אין שול דאווענען. זאגט צו מיר די מאמע: „ווייסטו וואס? לייג זיך צו, שלאף דיך אויס. וועסטו קענען זיצןביים סדר, וועסטו פרעגן דעם טאטן די פיר קשיות. משוגע בין איך? פארן סדר וועל איך גיין שלאפן? „געדענק זשע, פסח צום סדר טאר מען נישט שלאפן. ווארום טאמער חלילה ווערסטו אנטשלאפן ביים סדר, אזוי קומט אלי־נביא מיט א זאק אויף די פלייצעס". . „פסח ביינאכט גייט ארום אלי־נביא און קוקט ווער עס שלאפט ביים סדר דעם נעמט ער צו אין זאק אריין". . . הא־הא! איך וועל אנטשלאפן ווערן ביים סדר? איך? און אז מען זאל זיצן א גאנצע נאכט? און אפילו ביזן ווייסן טאג אריין? ווי אזוי איז געווען, מאמע, פאר־אאיארן? „פאר־אאיארן ביסטו אנטשלאפן געווארן באלד נאך קידוש". . . פארוואס זשע איז נישט געקומען צו מיר דעמאלס אליהו־הנביא מיטן זאק? „דעמאלס ביסטו נאך געווען א קליינינקער, היינט ביסטו א גרויסער. היינט דארפסטו פרעגן דעם טאטן די פיר קשיות. היינט דארפסטו זאגן מיטן טאטן עבדים היינו. היינט דארפסטו עסן מיט אונז פיש און יויך און קניידלעך . . . שא—

אט גייט דער טאטע פּוּשׁוּל״.

— גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב!

דאנקען גאט דער טאטע האט אפגעמאכט קידוש. איך אויך. דער טאטע האט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כוס. איך אויך. און דווקא א פולן כוס. און דווקא ביזן דנא. „זע נאר ביזן דנא!״—זאגט די מאמע צום טאטן, און מיר זאגט זי, „א פולן בעכער מיט ווייַן? וועסט אנטשלאפן ווערן״. . . הא־הא, איך וועל אנטשלאפן ווערן? איך? און אז מען זאל זיצן א גאנצע נאכט? אפילו ביזן ווייסן טאג אריין? א נו, פרעגט דעם טאטן וויאזוי איך האב אפגעקלאפט די פיר קשיות? וויאזוי זאג איך די הגדה? וויאזוי שאקל איך מיך איבערן סידור און זינג מיטן טאטן דעם עבדים היינו?. . . און די מאמע לאזט נישט אראפ קיין אויג פון מיר און שמייכלט און זאגט צו מיר: „וועסט אנטשלאפן ווערן, אנטשלאפן ווערן״. . . עך, מאמע, מאמע! מיר דאכט זיך מען זאל זיין מיט אכצן קעפ קען מען פון דעם אליין אנטשלאפן ווערן! א נו, לאז מען אוועקזעצן אייך אקייגן און זינגען אייך אין אויער אריין: „אנטשלאפן ווערן, אנטשלאפן ווערן״.

פארשטייט זיך, אז איך בין אנטשלאפן געווארן.

אנטשלאפן געווארן—חלומט זיך מיר, אז דער טאטע האלט שוין ביי „שפוך חמתך״. די מאמע אליין שטייט אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר מקבל־פנים זיין אלי־נביאן. שיין וועט זיין טאמער קומט טאקע אלי־נביא, ווי די מאמע זאגט, מיטן זאק אויף די פלייצעס, און זאגט צו מיר: „קום, בחור״. . . און ווער וועט זיין שולדיק אין דעם, אז נישט די מאמע אליין מיט איר: „שלאףנישט! שלאף נישט!״. . . און אזוי ווי איך טראכט מיר די דאזיקע מחשבות—אהא! הער איך א סקריפּ פון דער טיר, און דער טאטע שטייט אויף און רופט אויס אויף א קול: „ברוך הבא!״ איך קוק מיך איין צו דער טיר—יא, ס'איז ער. ער גייט, ער גייט, פּאוואלינקע, קוים וואס מען הערט א שיינער ייד אליהו־הנביא אן אלטער מאן, א זקן מיט גרייז־גרויער בארד ביז די קני. דאס פנים אלט, געל, געקנייטשט, נאר שיין און גוט איז דאס אן אן עק. און אויגן—אך אויגן! גוטע, ווייכע, פריינטלעכע, ליבע, געטרייע אויגן. איינגעבויגן אנגעלעגט אויף א גרויסן גרויסן שטעקן מיט א זאק אויף די פלייצעס, און שא! שטיל, אן ווערטער און גלייך צו מיר.

— נו יינגעלע, ארייַן צו מיר אין זאק אריין, און קום״. אזוי זאגט צו מיר אט דער אלטיטשקער אונדווקא מיט גוטן, דווקא אזוי ווייך, אזוי זיס.

פרעג איך אים: „„וואוהין?״ מאכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאך דעם זען״. . ווייל איך נישט. זאגט ער מיר נאכאמאל. בעט איך מיך ביי אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אז איך בין א נגידס א יינגל?״ זאגט ער: „און אז א נגידס א יינגל, וואס ביסטו פאר א מיוחס? זאג



איך: „איך בין ביי טאטע־מאמע א בן־יחיד״ . . . זאגט ער: „ביי מיר ביסטו נישט קיין בן־יחיד״. זאג איך: „א ציטעריגער—פון זיבן איינער געבליבן. זיי וועלן, זאג איך, דערזעען, אז איך בין נישטא, וועלן זיי דאס נישט אויסהאלטן. זיי וועלן שטארבן, און דערהויפּט די מאמע״. . . קוקט ער אויף מיר דער אלטיטשקער, מיט גוטן און מאכט צו מיר ווייך און זיס ווי פריער: „ביסטו נישט מיט מיר, טא שלאף געזונט. נאר ווער אנטשלאפן אויף שטענדיק, אויף אייביק!״. . . הויב איך אן צו וויינען: „הייסט דאך עס איך זאל שטארבן? זיי וועלן דאס נישט אויסהאלטן . . איבערהויפּט די מאמע״. . „ווילסטו נישט שטארבן, טא קומט מיט מיר, געזעגן דיך אפּ מיט טאטע־מאמע און קום״ . . „ס'טייטש, ווי קאן איך גיין, אז איך בין א בן־יחיד. פון זיבן איינער געבליבן!״. . . מאכט ער צו מיר שוין שטארקער: „צום לעצטן מאל, יינגעלע, קלויב דיר אויס איינס פון די צוויי: אדער געזעגן דיך אפּ מיט טאטע־מאמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אדער בלייב דא, נאר ווער אנטשלאפן אויף אייביק, אויף אייביק״. . .

אפגעזאגט די דאזיקע ווערטער, טרעט ער אפּ פון מיר אויף איין שפאן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואס טוט מען דא? אוועקגיין מיטן אלטן, גאט ווייס וואוהין, פארפאלן ווערן—וועלן טאטע־מאמע שטארבן. א בן־יחיד, פון זיבן איינער געבליבן . . . בלייבן דא און אנטשלאפן ווערן אויף אייביק—הייסט דאס דאך איך אליין זאל שטארבן . . . צי איך אויס צו אים ביידע הענט מיט טרערן אויף די אויגן: „אליהו־הנביא גוטער, ליבער, הארציקער אליהו, גיב מיר איין מינוט אויף צו באטראכטן זיך!״ „דרייט ער אויס צו מיר דאס שיינע, אלטע, געלע, געקנייטשטע פנים מיט דער גרייז־גרויער בארד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זיינע שיינע, גוטע ליבע געטרייע אויגן, און מאכט צו מיר מיט א שמייכל: „איין מינוט אויף צו באטראכטן זיך גיב איך דיר, מיין קינד, אבער נישט מער ווי איין מינוט״. . .

און דער אלטיטשקער לענט זיך אן אויף זיין גרויסן־גרויסן שטעקן און וואַרט . . .

פרעגט זיך: וואס האב איך באדארפט אין דער מינוט צו טראכטן אזעלכעס, אז איך זאל נישט דארפן נישט גיין מיטן אלטן און נישט אנטשלאפן ווערן אויף אייביק?—א נו, ווער וועט טרעפן?. . .

ש. פרוג — (60'סטער יארצייט פונם קלאסיקער פאעט)

## — דער בעכער —

זאג מיר, מאמעש? איך בעט דיך,
איז דאס אמת וואס עס האט

מיר דערציילט, דער אלטער זיידע,
אז אין הימל דארט פאר גאט,

אז פאר גאט דארט שטייט א בעכער —
און ווען מיר קוועלן זיך דא שווער,
האט דער גרויסער גאט רחמנות,
לאזט אין כוס אריין א טרער?

— אמת, קינד מיינס!
—אך, מאמע, מאמע,
איז אויך אמת איז אויך זיכער,
אז משיח, דער וועט קומען,
קיים וועט ווערן פול דער בעכער?!

— אמת!
און דאס קינד פארקלערט זיך,
ווארט א ווייל טרויריק שטיל,
פרעגט דערנאכדעם: אבער, מאמע,
ווען וועט דער בעכער, זיין שוין פול?

און ער הויבט די בלויע אויגן
טרויריק צו דער מוטער אויף:
—„צי איז אן א דנא דער בעכער,
וואס מיר ליידן אן א סוף?"

ווי לאנג מיר ליידן שוין אין גלות,
און דער כוס וויל פול נישט ווערן!
אפשר טרוקענען דורך די יארן
אינם בעכער אויס די טרערן?

און צערודערט בלייבט די מוטער
איבער'ן פרומען קינד געבויגן,
און עס ציטערן די ברעמען . . .
פון די מוטערלעכער פייכטע אויגן.

פאלן טרערן — צוויי ברילאנטן
אויפן קינד'ס פארקלערטן שטערן!



גאט אין הימל, האב רחמנות,
נעם אין כוס אריין די טרערן!

פון רוסיש י. ל. פרץ

ש. גאלדשמידט

## פון ישראל טאג-בוך

### ירושלים הרים סביב לה . . .

עס רעדט זיך אזוי, הרים סביב לה. היינטיקע צייטן זיינען די בערג אין סאמע מיטן פון דער שטאט — בארגארויף, בארגאראפ . . . די גאסן מיט די ווונדערבארע נאמען (פנים מאירות, דור דור ידורשיו, שלומציון המלכה) גייען אלע בארגארויף. לכאורה וואלט געדארפט אויסקומען אז מען גיין אהין בארגארויף גייט מען צוריק בארגאראפ. אבער ניט אין ירושלים. זי איז אנדערש ווי אלע שטעט. צוריק גייט מען אויך בארגארויף..

איך זאג עס אנטקעגן דעם וואס מיר דארף עס טרעפן. דעם טאג ווען איך בין אנגעקומען קיין ירושלים איז אויסגעבראכן א שטרייק פון „אגד". כ'וויל ניט אריינגיין אין די פרטים. עס איז געווען אן איבעריקער שטרייק, א שטרייק ניט פאר ברויט, נייערט פאר אקציעס. די מיטגלידער פינעם קאאפעראטיוו זיינען אקציאנערן ניט ארבעטער. אפילו די הסתדרות האט געהאלטן אז דער שטרייק איז ניט בארעכטיקט. בארעכטיקט אדער ניט, די אויטאבוסן זיינען ניט געפארן אין דער הויפטשטאט. אין תל אביב, ווו עס איז דוקא פלאך און מען קען גיין שפאצירן ווינטערצייט, ווען עס איז ניט הייס, איז ניט געווען קיין שטרייק, היות „דן" האט ניט געשטרייקט, אפילו ניט לויט א בקשהפון „אגד" צו וויזן סאלידאריטעט." שכל הישר האט דיקטירט אז סאלידאריטעט איז ניט קיין ענין פון שטיצע פאר אקציאנערן פון א רייכער געזעלשאפט; עס איז דערפונדן געווארן בכדי ארבעטער זאל העלפן איינער דעם אנדערן.

בעת די אויטאבוסן פארן ניט איז כמעט ניט מעגליך צו געפינען א טאקסי. זיי ווערן ממש נעלם פון די גאסן. אבער די בירגער פון ירושלים האבן זיך אן עצה געגעבן. זיי זיינען איינגעוווינט צו נסיונות. קינדער זיינען געגאנגען אין שול אריין, מענטשן זיינען געקומען צו דער ארבעט. קיינער האט ניט אויפגעהערט מאכן ביזנעס אדער לערנען תורה.

איך האב געדארפט קומען צו דער געביידע פון ראדיא—„אולפני קול ישראל"—אין מגרש הרוסים. אין ראדיא קען מען ניט פארשפעטיקן. פאלן אין חלשות מעג מען אבער קומען שפעט טאר מען ניט. בין איך ארויס צופוס פון „המלך דוד"—בארגארויף, פארשטייט זיך . . .

צוויי עלטערע דאמען גייען אין קאפע אריין . . . „אגד“, שמעגעד— זיי גייען אלע טאג עלף אזייגער אין קאפע אריין. איך קען מיטיילן אז זיי זיינען אנגעקומען בשלום. מיר האבן זיך אפגעזעגנט ביי דער טיר פונעם קאפע.

א רוסישער ייד פון דער צווייטער עליה בערך זאגט מיר בסוד, אז ער אליין איז א מיטגליד פון „אגד“, און אז ער גייט זען ווי די שטאט באגייט זיך אן אויטאבוסן. אבער למען השם, קיינער טאר ניט וויסן. מען קען אים חלילה לינטשן. ביז היינט האב איך“ געהאלטן דעם סוד . . .

עמיצער האט איבערגעקערט אן „אגד“ אויטאבוס: ער ליגט אויף דער זייט ווי א געפגרטער פערד. וואס איז שולדיק דער אויטאבוס? טאקע א גוטע פראגע, אבער ווו געפינט מען דעם דירעקטאר פון „אגד“? דאס אלץ כמעט גוטמוטיק. עמיצער האלט אז עס איז געקומען די צייט צו ארגאניזירן א שטרייק פון די פאסאזשירן. איך בין הונדערט פראצענט פאר דעם געדאנק. איך בין אפילו גרייט צו קומען צוריק און גיין צופוס..

## נידער מיטן צענזאר

איך בין אנגעקומען קיין בית סוקולוב אין תל אביב (דער פרעסע צענטער) פונקט צו דער צייט: מען האט געפייערט א נצחון איבער צענזאר. בעצם איז עס געווען א נצחון איבער דער רעגירונג. עס איז אפילו געווען א נצחון פונעם גאנצן פאלק אינציון און — ניט נאר פון דער פרעסע. דערפאר דערצייל איך וועגן דעם. אין פראפעסיאנעלע ענינים וואלט איך זיך דא ניט אריינגעלאזן.

די רעגירונג האט געהאט באשלאסן צו פארברייטערן די צענזור. אפילו דעמאקראטישע רעגירונגען האבן ניט ליב מען זאל אלץ דערציילן שווארץ אויף ווייס. עס איז א שטענדיקער גראנגל. היינט ווערן צענזורירט נאר מיליטערישע ידיעות. האט די רעגירונג מחבר געווען א געזעץ־פראיעקט לויט וועלכן דער צענזאר דארף אויך זען (און במילא אויסמעקן אויב עס געפעלט אים ניט) ידיעות וועגן אומאפיציעלע באגעגענישן מיט אויסלענדישע פערזענליכקייטן, וועלכע רעפרעזענטירן מדינות אן דיפלאמאטישע באציאונגען מיט ישראל. למשל: א באגעגעניש צווישן יגאל אלון און קעניג הוסיין; אדער א באגעגעניש צווישן יגאל אלון און אן אפריקאנער מיניסטער. ווייטער האט די רעגירונג געוואלט איינפירן מען זאל דארפן ווייזן דעם צענזאר ידיעות וועגן אויסטויש פון בריוולאך און אנדערע קאמאניקאציעס צווישן, לאמיר זאגן, פרעזידענט פארד און פרעמיער ראבין; אדער דר. קיסינגער און ראבין.

איז געווארן א סקאנדאל. דאס איז פאליטישע צענזור! אויב די רעגירונג וויל ניט דערציילן, זאלן אירע מיטגלידער אויפהערן ריידן אזוי־פיל, האקן א טשייניק, האלטן פריוואטע דרשות, און אנפירן מיט געהיימע



פרעסע־קרייזלאך . . .

דער סקאנדאל איז געווארן אזוי גרויס אז די רעגירונג האט זיך געמוזט צוריקציען. פאראן זאכן וואס א רעגירונג טאר ניט טאן אפילו אין דער צייט פון א מלחמה. דערצו איז די היינטיקע ישראל רעגירונג ניט אזוי פאפולער מען זאל איר דערלויבן אזוינע פריווילעגיעס . . .

פון דעם גאנצן ענין האבן מיר אויך געהאט א ריינעם ליטערארישן ריווח. אין דער פרעסע איז דערשינען די פאלגענדיקע מודעה (איך איבער־זעץ פון העברייאיש):

„צו די בירגער פון ישראל. מיר זיינען מיט אייך אין אייער טיפן צער צום טויט פון דער פרעסע־פרייהייט, די שוועסטער פון פרייהייט פון ווארט“.

די מודעה האבן אריינגעגעבן א גרופע סטודענטן. זי האט מסתמא געהאט ניט ווייניקער השפעה אויפן אויסגאנג פונעם וויכוח ווי עס האט געהאט די רעדעס . . .

## ווער דאגהט פאר די יידן?

די דאזיקע פראגע האבן די טעג געפרעגט, אויף פארשיידענע אופנים, יעדער בלשונו, עטלעכע חשובע יידן אין מדינת ישראל, פאליטישע און געזעלשאפטליכע טוער, געלערנטע, רבנים.

איך וועל פרווון איבערגעבן דעם ענין בקיצור:

פון אלע זייטן הערן מיר כסדר וועגן די אראבער צווישן אונז און ארום אונז. וואס וועט זיין מיט שכם זשענין און קלקליה? צי וועלן די אראבער מסכים זיין מיר זאלן בלייבן ביים וואסער (ס׳וואסער פון ירדן)? וויאזוי קענען די פליטים (און במילא די טעראריסטן אויך) זיין אן אן נאציאנאלער היים? וועט אראפאט מסכים זיין מיר זאלן ריידן מיט קעניג הוסיין?

די דאזיקע פראגן ווערן געשטלעט ניט נאר דורך קאמוניסטן, וועלכע חזרן איבער די פראפאגאנדע פון מאסקווע, אדער דורך אראבישע אגענטן, נייערט דורך חשובע מענטשן אין ישראל — פראפעסארן, סטודענטן, לינקע פאליטיקער, ניט דוקא קאמוניסטן, פראפעסיאנעלע שלום־מאכער.

עס פאלט זיי ניט איין אז מען דארף אויך זארגן פאר די יידן? וואס וועט זיין אויב מיר וועלן האבן א מדינה מיט אראפאטן אלס פרעמיער, און אפשר מיט נאך אן ערגערן טעראריסט, ניין מייל פון נתניה? וואס וועט זיין מיט די יידן פון די קיבוצים אין גליל, אויב די סירישער וועלן ווידער קענען שיסן פון אויבן אראפ? וואס וועט זיין מיט די יידן אויב מיר וועלן האבן בלוטיקע שונאים אין עזה?

די גויים פון דער וועלט זיינען ניט מחויב צו טראכטן וועגן יידן, אבער יידן אין ישראל און אנדערשוו זיינען יא מחויב. אויב זיי ריידן

כסדר וועגן די אראבער, איז קלאר אז זיי ליידן פון א קאמפלעקס פון זעלבסטהאס, אדער זיי זיינען סתם שוטים, אדער זיי לעבן אין א וועלט פון פאנטאזיע. איך פערזענליך האלט ניט אז זיי זיינען אראבישע, אדער סאוועטישע, אגענטן. ווער וועט זיי באשעפטיקן?

פריד ווייניגער

## ישראל °

א בחורל לויט יארן — נאר א קאפ
האט ער אויף זיך אויף אלעמען גענזאגט —
אן אלטן ווי א נייער טאג וואס טאגט
מיט שקיעה־גאלד פון נעכטן און א פרישן טראפ.

צומאל פארשטייט ער ניט דיין לשון, יאגט
פאראייס מיט אימפעט־וויכער אין גאלאפ,
און ניט צו רוען שטעלט ער זיך נישט אפ,
ס׳איז פרעמד אים יעדער וואס זיפצט און קלאגט.

נאר שיין איז ווי זיין יינגליש פנים שיינט,
ווי ס׳וואקסן דא און דארט צען דריבענע האר —
אן אנזאג פון א בארד — צען ביימלעך היינט.

נאר מארגן וועט דארט זיין א וואלד אין ווער,
ביזטו אים מוחל פאר זיין ווייכער־אימפעט,
עס ליגט זיין מאמע ערד אצינד אין קימפעט.

יוסף ווינשטיין

## פורים איסטאמבול

### אן איסטערלעשע אמת׳ע געשעעניש

אין יאר 1490, האט געלעבט אין גראנאדא, שפאניען, א גאון בישראל, מיטן נאמען יוסף האמון א גרויסער תלמודיסט, און צו זעלבער צייט א בארימטער מעדיקער וואס האט געדינט אין קעניגלעכן הויף. בעת די

° פון זיין נייעם בוך:
„ביים פרוטלאפלאטא אין ירדן״
איצט ארויסגעגעבן פון י. ל. פרץ־פערלאג אין ישראל.



אינקוויזיציע, האט רב האמון און זיין משפחה אויסגעוואנדערט, און זיך באזעצט אין איסטאמבול—טירקיי.

געהאט האט רב האמון א זון, משהלע, אן עלוי, וועלכער פון קינד־ווייז־אן, האט באוויזן זעלטענע פעהיקייטן צו לערנען תורה, ווי אויך שטודירן מעדיצין, און צו 30 יאר אלט, איז משה אויסגעוויילט געווארן חאכאם־פאשא פון טירקיי. זייענדיק ווי זיין פאטער אויך אן אויסערגעוועגלעכער מעדיקער, איז משה האמון אויפגענומען געווארן אלס פריוואטער דאקטאר ביים סולטאן, סולטאן, באקאנט אלס סולטאן דער פראכט־פולער.

צו יענער צייט האבן די אידן אין טירקייט געלעבט בשלום ובשלוה. ליידער, ביים באשטימען פונם סולטאן, זיין 1סטן מיניסטער, „היידאר פאשא״—א שונא ישראל, האט זיך דער אידישער מצב תיכף געענדערט אויף גוואלדיקע רדיפות: אז ווי המן הרשע האט היידאר פאשא געזוכט פאר־טיליקן די אידן פון דעם טערקישן לאנד.

ויהי היום אין א פרימארגן, באקומט ר׳ משה האמון א דרינגנדיקן רוף פונם סולטאן, ער זאל תיכף קומען אים זעען, אלס זיין פריוואטער מעדיקער, האט ר׳ האמון פארשטאנען אז דער סולטאן איז קראנק, און ער איז גלייך אוועק אין פאלאץ.—ווי נאר דער סולטאן האט אים דער־זעען, האט ער אויסגעשריגן:—כ׳האב דיך געשיקט רופן, מיין פריינט, ווייל כ׳האב דיר מיטצוטיילן א זער טרויריקע בשורה:—זיי וויסן אז כ׳האב באקומען א באפעל פונם הימל, אויסצוהרגענען אלע אידן וואס געפינען זיך אין מיין אימפעריע . . .

— מיין קיסר!—האב רב האמון, ווי דערשראקן א זאג געטאן, ניט אנדערש ווי נאר דו פילסט ניט גוט, און דיינע געדאנקן זענען שטארק אנגעשטרענגט . . .—ניין, ניין . . .—האט דער סולטאן אונטערבראכן רב האמונס רעדן—דאס וואס כ׳טייל דיר מיט, איז ליידער, א ביטערער אמת:—נעכטן, אויף דער נאכט—האט דער סולטאן ממשיך געווען—האב איך אין חלום געהערט א קול וואס האט מיך גערופן: סוליימאן, סוליימאן,—דאס בין איך, דער נביא „מחמד״, געשיקט פון „אללא״—(גאט) דיך צוווארענען:—אויב דו ווילסט בלייבן אין לעבן, דארפסטו אויסראטן אלע אידן—אט די אנגלויבער—וואס געפינען זיך אין דיין קעניגרייך . . .—דו דארפסט פון זיי פאדערן—האט דאס הימלעשע קול אויסגעשריגן—זיי זאלן אננעמען אונזער „אמונה״, אדער אויסוואנדערן, ווען ניט, וועלן זיי אלע—מענער, פרויען און קינדער אין 3 טעג צייט אויסגעהרגעט ווערן . . .—און די שטימע האט ווייטער געדונערט:—סוליימאן וואך אויף . . . — פאר דיר שטעט־פאר א הייליקע אויפגאבע . . .

— קענסט זיך קוים פארשטעלן, מיין ליבער האמון—האט דער סולטאן ממשיך געווען—ווי כ׳האב זיך געפילט דערשלאגן ביים אויפשטיין . . . און אזוי ווי איך שעטץ דיך, וויל איך ניט אז דו און דיין משפחה, זאל

אויך געשעען עטוואס שלעכטס . . .—און דערפאר ראט איך דיר, זאלסט וואס שנעלער פארלאזן דאס לאנד . . . — מיר טוט באמת לייד פאר דיינע ברידער, אבער דער באפעל פונעם הימעל מוז איך אויספאלגן . . .

— כ׳בעט דיך—מיין קייסער—האט ר׳ חאמון געזוכט צו בארויאיקן דעם סולטאן—זיי ניט אזוי דערשלאגן פון א בייזן חלום, נעם דאס ניט־אן פאר ערענסט . . אין דער אמת׳ן האט דער חלום קיין שום זינען . . דו קענסט דאך ניט, בלויז אויף אזא ניט לאגישע באזע, באשטימען דעם טויט פון אזויפיל אומשולדיקע !. . .

— קום מארגן, מיין פריינט, מיך ווידער זעען—האט פארלאנגט דער סולטאן פון רב חאמון—מיר האבן נאך איניקע טעג צו נעמען א באשלוס, כאטש איך זעע קיין שום אויסוועג . . . א באפעל פונעם הימל קען ניט אנגענומען ווערן לייכטזיניק !. . .—אין א שווערן געמיט איז רב חאמון ארויס פונעם סולטאן. ניט פארלוירן קיין צייט האט ער פארזאמלט די אידן אין שוהל און זיי מיטגעטיילט די שרעקליכע גזירה וואס דערוואר־טעט זיי. ער האט אויסגערופן א תענית און תפלות צו הקב״ה, ער זאל שיקן א ישועה!

אויפן אנדרן טאג, האט רב חאמון ווידער באקומען פינעם סולטאן א באפעל שנעל קומען :—ס׳איז שרעקלעך, שרעקלעך—האט דער סולטאן, שטארק דערשלאגן, אויסגעשריגן, ווי ער האט דערזעען רב חאמון—נעכטן אווענט האב איך געהאט דעם זעלבן חלום. כ׳האב דייטלעך דערהערט דאס קול פונעם נביא „מחמד״, וואס האט איבערגעחזרט די באשטימונג פונעם הימל צו פארטיליקן די אידן פון טירקיי . . . כ׳בעט דיך, רבי ראטעווע זיך . . .

— מיין קיסר !—האט רב חאמון זיך געווענדעט צום סולטאן—כ׳בעט דיך זיי ניט אזוי פארצווייפלט, האב רחמנות אויף טויזנטער אומשולדיקע —און זער דערשלאגן איז רב חאמון אוועק. זיינע גדאנקן זענען געווען אזוי צעמישט, דאס ער האט נישט באמערקט ווי א איד מיט א גרויע בארד, א שטעקן אין האנט, איז אים אנקעגן געקומען מיט א : „שלום עליכם, ר׳ משה !״—כ׳זעע אויף דיין פנים אז דו האט יסורים !. . רב חאמון האט זיך ווי דרעשראקן פון דער באגעגעניש :. . עליכם שלום !—האט ער געענטפערט דעם איד . . .—כ׳זעע דו ביסט א פרמעדר, און ווייס ניט פון דער גזירה וואס באדרויעט אונזערע ברידער . . . און רב חאמון האט דעם אומבאקאנטן איבערגעגעבן , אין קורצן, דעם סולטאן׳ס חלום . . . —מיר האבן א גרויסן גאט אין הימל, און קל מלא רחמים—האט דער אלטער געזוכט צו באריאיקן רב חאמון—ווי זאגט דער תהלים :—הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל : דער רבש״ע שלאפט ניט—ער וועט בלי ספק, באשיצן דעם כלל ישראל . . .—יא, כ׳האב געוואלט דיר געבן אן עצה :—האט דער איד ממשיך געווען :—ווען דו וועסט זיך געפונען ביים סולטאן אין הויף, זע אויב דארטן איז ניט פאראן א געהיימע טיר וואס



פירט צום קיסר׳ס שלאפצימער .. . גאנץ מעגלעך אז אין יענע זייט, וועסטו געפונען אן ענטפער אויף דיין פארלעגנהייט !. . .

זייענדיק זער צעטומעלט, האט רב חאמון, אויפן מאמענט, ויט באַ־גריפן די מיינונג פונעם אלטענס לעצטע ווערטער און געוואלט, לכל הפחות, אים אויספרעגן פון וואנען ער קומט, אבער דער מענטש איז שוין געווען אוועק . . . רב חאמון האט לאנגזאם אנגעהויבן א קלער טאן, בנוגע דעם אלטנ׳ס עצה מכח א געהיימע טיר . . . און, ניט פארלוירן קיין צייט, האט ער צוריקגעקערט אין פאלאץ . . .—מיין קיסר !—האט רב חאמון ארייננקומענדיק, א זאג געטאן דעם סולטאן—כ׳קום צוריק דיך פרעגן אויב אין פאלאץ געפינט זיך א געהיימע טיר וואס פירט אין דיין שלאפצימער !—פון וואנען ווייסטו דאס ?—האט דער סולטאן דערש־טוינט אויסגעריגן—דאס איז א געהיים וואס קיין מענטש אויף דער וועלט ווייסט דערפון . . .—יא—האט דער סולטאן צוגעגעבן— אבער צו וואס פרעגסטו דאס ?—אויב אזוי, האט ר׳ חאמון געענטפערט—וויל איך דיך בעטן, מיין קיסר, זאלסט מיך דערלויבן בלייבן היינט ביינאכט מיט דיר אין שלאפצימער. אויך וועל איך פון דיר פארלאנגען זאלסט אוועקשטעלן א גווארדיע פאליציי ביי דער געהיימער טיר—כ׳וויל האפן אז מיט דער הילף פון גאט ב״ה, וועט אלעס קלאר ווערן . . .—דער סולטאן האט גלייך באוויליקט אלעס וואס רב חאמון האט פארלאנגט, כאטש ער איז געווען אין ספק מכח דעם רעזולטאט . . .

יענע נאכט האט דער סולטאן געהאט אן אונרואיקן שלאף, בשעת רב חאמון איז געווען אויפגעוואכט, געזאגט תהלים ביז שפעט אין דער נאכט . . . די שעהן זיך אנענדלעך געצויגן, ווען פלוצים, האט א שטי־מע פארהילעכט די שטילקייט. דאס קול איז געקומען אזויווי פי׳ דער־וויטן, אבער גענוג שטארק אויפצווועגן דעם סולטאן, וועלכער איז פאר שרעק, פונעם בעט, ארויפגעשפרונגען . . .—סוליימאן סוליימאן ! האט די שטימע אויפגעדונערט—ס׳איז צום לעצטן מאל וואס כ׳קום דיר געבן דעם באפעל . .—איך בין . . אין דעם מאמענט, האט די פאליציי, אויפן וואונק פון רב חאמון, אויפגעבראכן די געהיימע טיר, און פאר זיי האט זיך באַ־וויזן א מאן, וועלכן די פאליס האט גלייך ארעסטירט, אים געשמידט כין קייטן, און אים געבראכט פארן סולטאן, וועלכער האט דערזעען שטיין פאר אים זיין פרעמיער מיניסטער „היידאר פאשא״ צורר ישראל!

דורך זיין טייוולאנשער האנדלונג, האט היידאר פאשא געזוכט אויס־פירן זיין אכזרישן פלאן צו פארטיליקן דעם אידישן ישוב אין טירקיי . . . —דער סולטאן שרעקלעך דערצארענט, האט תיכף ארויסגעגעבן אן אורטייל און דער בלוטדארשטיקער היידאר פאשא איז אויפגעהאנגן געווארן : כן יאבדו !. . .

די אידן אין טירקיי האבן אויפגענומען די וואנדערליכע גוטע בשורה בשמחה ובששון און געלויבט דעם בורא עולם פאר זיין נס פון ישועה.

—אט די הימלישע רעטונג איז פאראייביקט געווארן אין א „מגילה״, פאר־פאסט פון רב הראשי משה חאמון זצ״ל, און וועלכער דער רב גיט איבער אלע איינצעלהייטן פון דער אויסטעלישער פאסירונג וואס איז געשען אין זיין צייט, בפרט זיין באגעגעניש מיט דעם אלטן אומבאקאנטן איד, וועלכער איז קיין אנדערער ניט געווען ווי נאר „אליהו הנביא״ זכר לברכה, וואס האט זיך מטריח געווען און געקומען בכבודו ובעצמו ראטעווען אחינו בני ישראל פון א זיכערן אונטערגאנג!

יעדן יאר ווערט ביי די אידן אין טירקיי געפייערט דער דאזיקער „נס״, דורך א פריילעכן יום־טוב אונטערן נאמען: **פורים איסטאמבול.**

עם ישראל חי וקים!

עלא זילבערג

## נייע האפנונג

היינט וויל איך זינגן,
לידער פון פריידן,
היינט וויל איך זינגן,
פון ליבע און גליק.
איך האב אויף דער ערד,
מיין גן עדן געפונען,
אין נייע האפנונג,
אין דיין ווארימס בליק.

היינט כ׳וויל פארגעסן,
דאס לייד און דעם יאוש,
פארשליסן די אויגן,
פון דער גרויזאמער וועלט.
ניט הערן די זיפצן,
פון געפייניגטע ברידער,
נאר טראכטן פון דיר,
און דיין הערליך געשטאלט.

היינט וויל איך לעבן,
געניסן דעם פרילינג,
וואס איז ווידעראמאל,
געקומען צו מיר.
לאזן די וואלקענס,
באדעקן דעם הימל,



פאר מיר שיינט די זון,
ווען דו שטייסט ביי מיין טיר.

## משומד

ווער ווערט נאך דיר וויינען,
ווער ווערט דיך באקלאגן,
ווער ווערט אויף דיין קבר,
קדיש נאך דיר זאגן?

געלעבט האסט ווי א ווילדער,
ווי א שיפל אן א רודער,
אין דעם לעבענס שטורם,
פארלארן פריינט און ברידער.

דו האסט דיין פאלק פעראטן,
זיך אפגעזאגט פון גלויבן,
פארגעסן דיין ירושה,
צוליב צוויי בלאע אויגן.

ס׳איז צייט נאך היינט צו בייטן,
צוריק אהיים זיך קערן,
א הארץ פאר דיר איז אפען,
וואס ווערט פאר דיר געהערן.

בעט איך דיר מיין ליבער,
הער שוין אויף צו שפילן,
דיין פאלק איז ווערט דעם קרבן,
פון פערזענליכע געפילן.

## דער טרויעריקער וואלד

גענוידמעט צום אנדענק פאר פריינט נ. בענקוויטש ז״ל

1

פאראומעט שטייט דער וואלד,
די ביימער טיף אין טרויער,
אנאנדער בוים אוועק,
א חבר מיר באדויער.
געווען אן אלטער דעמב,

מיט וואָרצלען פיל אין לעבן,
געליבט די אידיש שפּראַך,
נאָר ישׂראל געווען זיין שטרעבן.

2

אַ פריילעך אַלטער דעמב,
דער זקן פון די ביימער,
אַ ליבליכע נאַטור,
אַ דיינקער און אַ טרוימער,
געווען אַן אַלטער בוים.
נאָר זיך יוגענטלעך געהאַלטן,
ניט פיל פאַרבליבן היינט,
פון אַמאָליקע געשטאַלטן.

3

פון דעם אַלטן וואַלד,
אַ וועלד׳ל איצט געוואָרן,
שטאַמען אויסגעוואָרצלט,
פאַרניכטעט פון די יאָרן,
וויינט דער וואַלד אין קרעכצט,
פון זיינע טיפע וואונדן,
עס ווערט ניט דויערן לאַנג,
און דער לעצטער דעמב פאַרשוואונדן.

ס ע ם  ג אָ ל ד ב ע ר ג — לאָנדאָן —

## אַ זונענשטראַל ביי די יידישע אַקטיאָרן און פריינט

זונטאָג, דעם 22טן יוני, זעקס אַזייגער אָרנאַכט — ביי אַן אַטמאָספערע פון איבער הונדערט גראַד היץ און אַכט און ניינציק הומידיטעט, אַז אַלץ האָט ממש געקלעפּט אויף אייך — איז פאָרגעקומען די פייערלעכע שלום־שׂמחה פון סעזאָן, איינגעאָרדנט פון די יידישע אַקטיאָרן און פריינט. עס איז געווען אַ גרויסער באַנקעט מיט אַ קאָנצערט פאַר דעם טשערמאַן מיכאל מיכאַלאָוויטש, באַוואוסטער יידישער שוישפּילער.

דערעפנט דעם באַנקעט האָט דער פּרעזידענט פון יידישן אַקטיאָרן פאַריין, הערמאַן יאַבלאָקאָוו, מיט אַ פייערלעכער רעדע, אין וועלכער ער האָט אָנגעוויזן ווי וויכטיק עס איז פאַרן יידישן קינסטלער אָט די אָרגאַני־זאַציע, וואָס די יידישע בינע־קינסטלער קומען זיך צונויף. „איצט איז עס פאַר אונז אַ פרייד און אַ פאַרגעניגן דאָ צו פאַרברענגען אין אַזאַ פריילעכער און געהויבענער שטימונג ביי אַ פיין מאָלצייט און אַ גרויסן



קאָנצערט פון גאָר אָנגעזעענע קינסטלער, ספּעציעל איינגעלאַדן צו דער דאָזיקער געלעגנהייט”, האָט ער אונטערגעשטראָכן.

דער זאַאַל איז אויסגעפּוצט, ער גלאַנצט אין יעדן ווינקעלע; אַלע געסט „אין האָניק און אין מילך”. די מלבושים זייערע האָבן פון די שענ־סטע קאָלירן און וואַרטן מען זאָל אים אָדער זי אויפרופן עפּעס צו זינגען אָדער צו רעציטירן צי סתם עפּעסזאָגן אָדער אָפּגעבן אַ באַגריסונג.

דאָס פּראָגראַם אָבער איז איז אַזוי אויסגעשטעלט, אַז קיין סורפּרייזן ווערן נישט געמאַכט. אַלץ מוז גיין לויט אָט דעם פּלאַן. ביי דער טיר דערוואַרט מען דעם און יענעם אויפצונעמען.

מינאַ בערן די וואונדערבאַרע אַקטריסע, טשערמאַן פון אַרטיסטן־קלוב, איז די טאָאַסט־מייסטערין פון פּראָגראַם. זי שטייט פּערזענלעך ביי דער טיר אויפצונעמען יעדן איינעם. מען צעקושט זיך אַזש פאַר פרייד.

אַוועקגעזעצט זיך ביי די פיין־געדעקטע טישן איז שטיל, שאַ. מיכאל מיכאַלאָוויטש, טשערמאַן פון די אַקטיאָרן און פריינט האַלט זיין רעדע פאַר די פאַרזאַמלטע חברים אַקטיאָרן און שרייבער און אַנדערע קינסטלער, וועלכע האָבן אָנגעפילט דעם גרויסן און ליכטיקן זאַאַל. צווישן אַנדערן האָט ער דערציילט, אַז זיין איצטיקע רוי, שׂרה לערער, איז פיל פריער געווען זיין כּלה אָבער אויף אַ לאַנגער צייט איז דער שידוך געווען איבער־געריסן . . . „איצט אַז מיר האָבן סוף־כּל־סוף חתונה געהאַט, זע איך ערשט וואָס פאַר אַ קלוגע פרוי זי איז”, האָט ער איר געמאַכט אַ קאָמ־פּלימענט. „אַלץ טאַקע וואָס איך טו איז מיטן שׂכל פון דער ליבער פרוי מיינער. אָט זי פירט מיך אויפן גלייכן וועג און מיין גאַנצער סוקצעס איז טאַקע אַדאַנק איר!”

די רעדע האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן אַפּלויז ביים פאַרזאַמלטן עולם.

אויפן אָרט האָט מען אַדורכגעפירט אַ געלט־זאַמלונג פאַר אַ ניי יידיש טעאַטער. דריי טויזנט דאָלאַר האָט מען צונויפגענומען. דוד ליכט האָט זיך פּערזענלעך באַשטייערט מיט גאַנצע הונדערט דאָלאַר. דער נאָמען פון אָט דעם נייעם טעאַטער וועט זיין „דאָס נאַציאָנאַלע יידישע פאָלקס־טעאַטער”. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט זיין מיט מזל און מיט ברכה.

נאָכן מאָלצייט האָט זיך אָנגעהויבן דער קאָנצערט. צווישן אַנדערע איז אויפגעטרעטן מימי סלאַו, די יידישע פאָלקס־זינגערין און אַ טאָכטער פון אַ יידיש קינסטלער־פּאָרל. דער טאַטע, משה פעדער, אַ ווילנער אַקטיאָר, האָט געשפּילט דעם משולח אין ש. אַנ־סקיס „דער דבוק”. דאָס איז געווען בשעתו אין לאָדזש אין גרויסן טעאַטער „פילהאַרמאָניאַ”.

איך דערשרעק מאָך נאָך היינט, ווען איך דערמאָן מיך אין זיין פּנים; אַזוי קינסטלעריש איז ער געווען גרימירט ביים שפּילן. אַ מורא פלעגט דעם עולם באַפאַלן, זעענדיק אים אויף דער בינע. אַבֿרהם מאָרעווסקי האָט דעמאָלט געשפּילט דעם מירעפּאָליער צדיק און סטרוגאַטש — דעם פאַרשעמטן חתן, וואָס איז אַריין אַלס דבוק אין דער כּלה.

איר מאמע אליין איז א פרימאדאנע, מיט א קאלאראטור שטימע.

פון אט דעם קינסטלער־פארל איז דאס מימי סלאו די טאכטער. אליין איז זי א שיינע, מיט א פיינער פיגור און א ליבליכער שטימע. זי זינגט טאקע מיט געשמאק.

קינסטלעריש זינגען איז, אן ספק, א שווערע אויפגאבע און קאסט אויך אסך כוח. מימי האט טאקע געזונגען יידישע, העברעאישע לידער און אפילו חזניש־ליטורגישע זאכן. האט מיך באמת איבערראשט דער שטארק קינסטלערישער כוח פון אט דער פרוי.

צום סוף האט זי געזונגען „רומעניען, רומעניען", וואס אהרן לעבעדיעוו, דער גרויסער קינסטלער, האט פארפאסט. עס גיט מיר גרויס פארגעניגן צו דערקלערן אז זי האט אים איבערגעשטיגן. זאגט דאך דאס פאלקס־ווערטל, אז א תלמיד קען אמאל בעסער ווי דער רבי זיינער. אט דאס איז מקוים געווארן אין מימי סלאן. האט טאקע דער עולם זי באדאנקט מיט גאר גרויסע אפלאדיסמענטן.

לאנג, לאנג וועט בלייבן אין זכרון דער דאזיקער באנקעט מיט דעם פארשידנארטיקן זינגען פון דער קינסטלערין מימיסלאן. און אזוי האט זיך פארענדיקט א הארציקע שמחה אין יידישן ארטיסטן פאריין אויף 31 איסט סעקאנד אוועניו, 7טע גאס, ניו־יארק סיטי.

נ ח מ ן  ר ו ב י ן

## אייזיק גאלדבערג — א בן־שמונים

ס'איז גוט באוואוסט, אז זינט דורות זענען פוילן, עסטרייך, רומעניען, רוסלאנד געווען א קוואל וואס האט ארויסגעשפרודלט מיט יידישע דיכטער, שרייבער, דראמאטורגן און זשורנאליסטן, וועמעס ווערק שטעלן מיט זיך פאר אונזער גרויסע, מאדערנע, יידישע ליטעראטור. אין משך פון דער צייט האט א צאל פון זיי אויסגעוואנדערט פון זייערע היימלענדער און געגרינדעט צענטערן פון יידישער שאפונג וואו נאר עס איז אנטשטאנען א נייער ישוב פון יידיש־ריידנדיקע יידן.

אויך דא הי האט זיך געשאפן אזא יידישער צענטער, מיט יידישע שרייבער, וואס האבן זיך ספעציאליזירט אויף כלערליי געביטן. דערצו האבן מיר דא געהאט א יידיש טעאטער, אין וועלכן עס זענען אויפגעטרעטן א טייל פון די גרעסטע יידישע בינע־קינסטלער, אקטיארן, רעציטאטארן און פארלייענער בתוכם. און אזוי האבן מיר דא אין לאנדאן געהאט יארלאנג א יידיש, גייסטיק־קולטור לעבן.

אסך פון אט די ווארט־קינסטלער זענען מיט דער צייט טאקע געווארן תושבים ביי אונז.

און ווען דער דייטשער נאציזם האט גענומען בושעווען, אזוי, אז אסך יידן האבן ממש געמוזט אנטרינען פון היטלער־דייטשלאנד, כדי זיך צו



ראטעווען מיטן לעבן, האט דאס פרייע ענגלאנד אויפגענומען א צאל פון זיי און זיי געגעבן א מעגלעכקייט זיך צו שאפן א נייע היים. צווישן אט די אהערגעקומענע פליטים זענען געווען מערערע קולטור־מענטשן, מיט אונזער בעל־יובל בתוכם — אונזער אייזיק גאלדבערג מיט זיין פרוי און טאכטער.

פאר יידיש־לאנדאן איז זייער אהערקומען ממש געווען א מין געווינס. האבן זיי דאך אויפגעלעבט אונזער קולטור־לעבן דא, מיט דער גרינדונג פון דעם יידישן קולטור־קלוב אין פינטשלי־ראיד און דעם שוין עקסיסטירנדיקן פאריין פון „פריינט פון יידיש לשון" אין דער איסט־ענד מיט די „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס".

איבער פינף און דרייסיק יאר שוין ווי אייזיק גאלדבערג, איינער פון די ערשטע פארלייענער, פארשאפט אונז גרויס פארגעניגן מיט זיין פארלייענען און רעציטירן ביי די דאזיקע „ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס"! און הגם שוין א זקן פון אכציק — קיין עין־הרע! — זעט מען אים נאך אלץ קומען מיטן שטעקן אין דער האנט און עפעס א דערציילונג אדער א פאעמע פון אונזערע קלאסישע שרייבער, מענדעלע מוכר־ספרים, שלום־עליכם, י. ל. פרץ, שלום אש צי פון אנדערע, מער מאדערנע שרייבער און דיכטער אין זיין בוזעם־קעשענע אונז צי פארוויילן.

אייזיק גאלדבערגס באהאוונטקייט אין דער יידישער ליטעראטור נעמט זיך דערפון וואס ער האט געלערנט יידיש־לשון און ליטעראטור אין דער י. ל. פרץ־שולע אין לאדזש אלס יוגנטלעכער. נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה האט ער אויסגעוואנדערט פון פוילן קיין דייטשלאנד, און שוין אין בערלין האט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין פארלייענען און רעציטירן ביי קולטור־פאראנשטאלטונגען אין שייכות מיטן לאדזשער־לאנדסמאנשאפט־פאריין. פון צייט צו צייט שרייבט ער אויך אן ארטיקל, א ליד.

חשובער בעל־יובל, מיר ווינטשן אייך און אייער ליבער פרוי, צביה, טאכטער און איידעם, איניקלעך און אור־איניקלעך, נאך לאנגע און געזונטע יארן, כדי איר זאלט קענען אנגיין מיט אייער קולטור־ארבעט און מהנה זיין דעם עולם מיט אייער געלונגענעם פארלייענען פון דער יידישער ליטעראטור, ווי איר פארטייטשט דאס א יידישלעכן טיפ צי א כאראקטער ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס. א יישר־כוח אייך!

א י י ז י ק  ג א ל ד ב ע ר ג

## — א ווילינקעס א פיינס —

געווידמעט אונזער אור־איניקל, זאע־עמא, דאנאוו, צו זינגען
מיט דער מעלאדיע — פון דעם פאלקס־ליד, — די מאמע
האט מיך געשיקט קייפן א יאשטשיק —
טאטע מאמע האבן געוואלט,
א קינדעלע, נאך האבן,

האט זיי, דאס מזל באשערט
מיט א מיידעלע, צו געזונט, און צו לעבן.

אוי, איז דאס א קינדעלע,
א טייערנקעס א שיינס,
אוי איז דאס, א מיידעלע,
א ווילענקעס א פיינס.

דאס ברודערל, האט געוואלט,
א שוועסטערל, נאך האבן
האט אים דאס מזל באשערט,
מיט א מיידעלע, צו געזונט און לעבן.

אוי, איז דאס א שוועסטערל
א טייערנקעס, א שיינס,
אוי, איז דאס א מיידעלע
א ווילינקעס א פיינס.

באבע־זיידעס, האבן געהאפט,
אן אייניקל, נאך האבן,
האט זיי דאס מזל באשערט
מיט א מיידעלע, צו געזונט או צו לעבן.

אוי, איז דאס, אן אייניקל
ג טייערנקעס א שיינס,
אוי, איז דאס א מיידעלע,
א ווילינקעס, א פיינס.

יעצט האפן אלע נאך,
אסך נחת צו דערלעבן,
פון די קינדער, און די אייניקלעך
וואס גאט, האט זיי געגעבן.

אוי, זענען דאס שוין קינדערלעך,
ווילינקע, און פיין,
אוי זענען דאס שוין אייניקלעך,
וואס זיינען מלא חן:. . .





## מיין ערשטער רעפעראט אין „דזשואיש ווידינג־רום“

ס'איז געווען דער לעצטער פרייטאג, אין וועלכן כ'האב נאך געהאט „וויזע“־רעכט צו וואוינען אין לאנדאן. די פופציק סאנעטן איבער דעם דערלעבן אזא מין וועלט־כרך זיינען פערטיק געווען—איך אויך. דער רייש אין קאפ האט נאכגעלאזט, אבער אויך, די זיכערקייט אין הארץ.

צו די צוויי וואקלדיקע מעגלעכקייטן: לאזן מיר אהערשיקן פון בערלין די סאוויעטישע וויזע, שרייבן צו וויעוויארקען קיין פאריז, אז איך קום, איז ציגעקומען נאך מעגלעכקייט: ניגער האט מיר געשריבן, אז אויב איך וויל, קאן ער מיר ארויסשיקן א וויזע צו קומען נאך אמעריקע; אבער נישט קיין זיכערקייט פאר עקזיסטענץ.

גוט. קודם דער היינטיקער טאג איז פריי—א יומא דפגרא! לכבוד דעם סיום פון די סאנעטן, און איך לאז מיך קיין ווייטשעפל אין דער „לייברערי“ צו ענדיקן שפינאזאס „פאליטיש־טעאלאגישן טראקטאט“. לכבוד דעם אליין האט זיך שוין אויך געלוינט דאס גאנצע אהערקומען נאך ענגלאנד—ארום א זעכציק זייטלעך האב איך נאך צוצולייענען.

באשלאסן, און ווידער א פרייער מענטש!

די ווייטשעפל־ביבליאטעק אין דער הייך, די רחבותדיקע לייען־שטוב און א גארן נאך העכער—די שטודיר־שטוב, איז געווען ווי א מין בית־המדרש מיט א פאליש מיט יידישע בחורימלעך, וואס זיינען געזעסן ביי כל־המינים ביכער און העפטן מעין געווען, געשריבן—נישט ווייניק, מסתם, פון דער חברה דעמלט זיינען היינט דאקטוירים, פראפעסארן און „לעקטשורערס“ אין מדינת־ענגלאנד—.

אין דער היים, אין די דעמלטיקע ווייטשעפלער, ארעמע געסלעך און הייזלעך, איז קאלט און פינסטער, די עלטערן ביי דער ארבעט. לאזט מען זיך גלייך דירעקט פון די שולעס ארויף דא אהער און „מ'מאכט“ די לעקציעס מיט גרויס התמדה.

די יידישע שארפע קעפלעך און פינקלדיקע אייגעלעך; דאס זיך פרעגן א פשט אין ביכל איינער ביים צווייטן; דאס זיך מפלפל זיין—כ'האב מיך ממש געפילט ווי איינער פון זיי—ווי האט מענדעלע געזאגט: „ווי ביים טאטן אין וויינגארטן!“

פלוצלינג, כ'הייב אויף דעם קאפ עפעס נאכצוטראכטן, אין מיין התמדהדיק לייענען און כ'דערזע, אז איך זיץ אליין—ממש קיין איינער פון דער חברה נישט אויף קיין רפואה. כ'פרעג דעם ביבליאטעקאר, א יידיש־רייידנדיקער ייד: „וואו זיינען אלע ראפטום אהינגעקומען?“ דערקלערט ער מיר—„ס'איז איצט פרייטאגס־צו־נאכטס, זיינען זיך די חברה צע־

קראכן, ווער אין שול אריין צו קבלת־שבת, ווער דירעקט אהיים צום קידוש".

כ'האב שוין מער נישט געקענט לייענען. נאך געהאט א פינף און צוואנציק—דרייסיק זייטלעך צו ענדיקן. אבער דער קאפ האט שוין נישט געארבעט—כאטש נעם און שרייב אן נאך א סאנעט . . .

פארנט פאר מיר זע איך ווי ס'קומט אריין א ייד שבתדיק אנגעטון און נעמט ארויס א יידישע צייטונגפון־שטענדער, לייענט שטייענדיק, מסתם אויפן וועג אהיים פון שול.

דער ייד לייגט אוועק די צייטונג, גיי איך צו און נעם זי לייענען—ס'איז די פרייטאגדיקע לאנדאנער יידישע צייטונג, „די צייט", אן אונגעפיקעוועטע מיט יידישע נייעס, מיט ארטיקלען לכבוד שבת—כ'לייען ממש „מ'דעסקע לדעסקע"; כ'קום צו צו די אנאנסן, זע איך א לעקציע אין „דזשואיש רידינג־רום"—כקוק אויפן זייגער—פונקט צו דער מינוט!

כ'לייג שנעל אוועק די צייטונג און לאז מיך פלינק אראפ—זע, איך ווייטשעפל איז שבתדיק! א געגיי, א מנוחהדיקער, שבתדיק אנגעטוענע מענער, פרויען, יידישע מיידלעך בחורים—די גאס קלינגט ממש פון כסדר־דיקן אויפלאכן—כ'פארגין מיר קוים א קוק צו טון. כ'שטופ מיך אריבער איף דער קייגנאיבערדיקער פאטשענע און שוין—כ'בין אין „רידינג־רום".

א פולער זאאל מיט שבתדיקע יידן אויסגעזעצטע גאנצע רייען, גאנצע משפחות. אין א זייט א ליידיק בענקל און כזעץ מיך שנעל אנידער. איך קוק מיר ארום איף דעם הארעפאשנעס, מנוחהדיקן עולם און ווער גארנישט זאט פון קוקן —

די ליכטיקייט אינם זאאל ממש שבתדיק—אויבן, פון פארנט א טיש פארן רעדנער און דאס פונקלדיקע גלאז וואסער — —

פלוצלינג, כ'דריי אויס דעם קאפ, הינטער מיר שטייט א באיארטע דאמע, מיט א מאמעדיק־קלוג, צעשמייכלט פנים—מיט אן אינטעליגענט אויסזעען—יא, מיט א תלמיד־חכמדיקן: „אנטשולדיקט, איר זייט דאך א. נ. שטענצל! געלייענט אז איר זייט אין לאנדאן". מ'האט מיר אנגעוויזן איף אייך . . . איך בין אין פארלעגנהייט. דער לעקטשורער, כ'מיין דער רעדנער האט אנגעקלונגען, אז ער איז פארקילט און קען נישט קומען . . . איך בין די ביבליאטעקארין—רחל דאניאך". .

די פרוי רעדט נישט מער, אבער דער בליק אירער . . אזוי חבריש . . יא, אזוי נאנט מאמעדיק . . אזוי פריילעך פארלעגן . .

„כ'מיין מ'מוז דאך צו א רעפעראט זיין צוגעגרייט . . גלאט אזוי . . און אזא עולם, קיקעין־הרע". .

„איר וועט שוין געפינען . . די יידישע לאגע איצט, דייטשלאנד".

„מעגלעך, אז קומענדיקן פרייטאג וועל איך שוין זיין צוריק דארטן". .

דער בליק פון אירע אויגן, נישט ווייל זי האט נישט קיין רעדנער, נאר ווייל קומענדיקן פרייטאג וועל איך שוין זיין „צוריק דארטן" האט מיך נאנט ארומגענומען.



„ווייסט איר וואס, כ'קאן ריידן איבער ברוך שפינאזא".

דער בליק אין אירע צעפונקלטע אויגן! און שוין פירט זי מיך צו דעם שבתדיק געדעקטן טיש מיטן פונקלדיקן גלאז וואסער.

מ'מוז ויסן וואס עס מיינט שפינאזא ביי אמאליקע בית־המדרש בחורים, אפילו ווען מ'האט קיין איין ווארט פון אים נישט געוואוסט און דא, נאכן אפלייענען דעם „טראקטאט"— — —

אנדערטהאלבן שעה האב איך גערעדט „פאר פייער און פאר וואסער" — — צי איך אליין האב געוואוסט וואס איך רייד, ווייס איך נישט. נאר דער עולם האט געלעקט די פינגער. די פארזיצערין האט געשטראלט—נישט נאר ווייל „דער פרויען־קאמיטעט" איז פונקט דעם פרייטאג־צו־נאכטס דארטן געווען און זי איז געבליבן אן א „לעקטשורער".

## ל י ד ל מ י י נ ס

אויב נביאות קומט אין חלום,
זיינען מיינע טרוימען שרעקלעך —
דלילה, א ווילד־צעלאכטע,
טויט־געקלאנג אירע האר־גלעקלעך.

אויב נביאות איז משוגעת —
כ'דריי מיך ארום א צעדרייטער!
מיין בליק טרערן פארגאסן,
נישט צו זען וואס זיין ס'וועט ווייטער.

א נביא פארשטיינט ווערט פון פאלק!
פונם קעניג אויפגעהאנגען!!
אדער מיט די מדבר־שלאנגען
צישען זיינע גיפט־געזאנגען.

זע גלית הפלישתי, שמשון —
ס'ראנגלט זיך גבור מיט גבור!
לאכנדיק קוקט וועלט־זונה צו,
און ווייסט נישט וועם זי האט ליבער.

קיינעם האט זי נישט ליב, ווייל רק
זען ווי זידיק בלוט וועט פלייצן — —
וואס עס טוט נישט אלץ א חצופה
די צוויי גבורים צו רייצן — —

ווי כ'וואַרף מיך אויף מיין געלעגער,
איינברעכן עס וועט אינגאַנצן — —
ווי אין שמשונס האַנט די זיילן,
זע, ווי פאַרשייט ז'נעמט טאַנצן —

לידל מיינס גאַנצע נעכט צעוויגט
אויף שרעק־פאַרחלומטע ליפּן — —
און ווען כ'וואַך אויף טויט־דערשראָקן,
איז מיין קרשן נאָס פון כליפּן.

## גרויע טעג

1

די גרויקייט פון הימל
ביזן האַרץ אַריין דערגייט —
ממש צום דערדריקן!
און ערשט אַז דער טאָג פאַרגייט,
קיין איינציקער שטערן
אויף פינסטערן הימל שטייט.

2

לייען איך גאַנצע טעג
דעם באַטייט פון האַרץ אַרויס,
וואָס איך זע, עס איז
די פינסטערסטע חשכות בלויז.
און גאַנצע נעכט כ'הער רק,
ווי מיין האַרץ גריזשעט אַ מויז.

3

נישט קיין מאָרגנשטערן
און נישט קיין פּיצעלע שיין;
טויט, פינסטערע גרויקייט
און שויב ווי אין האַרץ בלייבט שטיין.
און וואָסער חילוק שוין
ליגן בלייבן צי אויפשטיין?

4

און אַז אין איין באַגין
אין שויב שטיין־בלייבן די זון,



איז וואָס וועט שוין דעמלט
גרויס אַרויסקומען דערפון?
אַבלדיק אַ ווייל שטיין,
מיט קאָפּ קוים אַ שאָקל טון.

## ערב־פרילינג 1976

בין איך שוין טאַקע אויפגעוואַכט
אָדער כ'ליג נאָך אַלץ טיף אין דרימל?
בין איך ביים געדאַנק, חלום איך?
וואָס טוט זיך מיט מיר, גאָט אין הימל!

ווי קרישטאָלן קלאָר ס'קוקט און ווינקט
מיט פאַרבענקטע בליקן דער הימל;
פאַר מיין אויג דאָס געוועב־געשוועב,
אַ מיקן־קאַדריל געווימל.

צי גלאַנצן נישט די צווייגלעך איצט
מיט גרינע אייגעלעך צום הימל?
און טיפן גראָז באַהאַלטן
פרום פאַרגלייזט ס'בלוי־אויגיקע בלימל.

רק קוק ווי ס'קראַקעט בייז די קראַ,
איבב פרילינג ווי פאַסט זיך צום רומל?
אַ, ניין, נישט איבן אויפן בוים,
ס'איז ביי מיר אין האַרץ — גאָט אין הימל.

## אין פּאַרקל
(באַלאַדע אויף דער עלטער)

פון נידריקן הימל אַראָפּ,
ממש מיט די הענט צו דערלאַנגען,
ציטערן גרויע שנייעלעך —
פון באַלטן אַראָפּ די פאַרהאַענגען.

אין זיין פאַרלאָזטן שטיבל פונקט,
אין פּאַרקל ר'טוט אַרומשפּאַנען;
דאָך גאַנץ אַליין איצט ר'איז נישט מער —
עמעץ ווער מיט אים דאָך פאַראַנען.

א יונג פייגלע, פישטשטענדיק,
וויגט זיך ווייגענדיק צווישן צווייגן;
ווארקענדיק־וואקלדיק א טויב
פון א סטעזשקע גייט אים אקייגן.

פון טויער קומט די אלטע אן,
ווארפט פונם פארטוך רינדל־ברעקלעך,
און גאנצער ארום ליכטיק ווערט,
ווי גרויליק ר׳איז נישט און ווי שרעקלעך —

שטיל טאנצן אן טויבן־פארן
און צוויטשערלעך פון צווישן די צווייגן,
און ער און זי קוקן זיך נאנט אן,
אנגעזעטיקט מיט ליכטיק שווייגן.

## פרילינג - ליד האיאר

### א

ווען די פייגל פליען אוועק,
טרויעריק ווערט דער הימל;
סמוטנע, מרה־שחורהדיק פארוועלקט
אויף דער ערד ס׳לעצטע בלימל.

מיט די ערשטע קאלטע, נאסע,
צעוויינטע חשוון־ווינטן,
אויף וואנט לעצטער, טונקלער שאטן,
טרער־צעטריפט, פארשווינדן.

אבלים די ביימער — צווייגן,
הענט־פארבראכן טרויערן;
וואכן — חדשים — — בלויז ווי לאנג ?
אייביק ס׳וועט נישט דויערן.

די פייגל, מיט פרישן געזאנג,
פריידיק־צעשאלט צוריקקומען;
צופאכנדיק זיי באגריסן
ס׳וועט ערד מיט שענסטע בלומען.

און דער הימל פריש־געצוואגן,



מיט טייכן און מיט פליינען,
א לייכטנדיקער, גליקלעכער,
לוסטיק אקייגנשיינען.

פון דעם געטשוויטש פינטערסטער בליק
א גליקלעכער אויפגלאנצן;
גיפטיקסטע בין נאך, מיט האניק,
זיס זיי אקייגנטאנצן.

גאנצער ארום א גליק־צעשטראלטער
צעזונגען זיך פארוויגן — —
אלצדינג איין טאן פארפלאכטענער
אין דעם ליכטיקן ניגון.

בלויז לעבעדיק באגראבענע,
ווער ווייס, ווער קאן באגלייטן ?
די וואס פאר שאנד זיך באגראבן
געלעבט אין יענע צייטן.

### ב

מיט מיר צוזאם שוין מיין ניגון
אויף שטעטס פארשווינדן ווערן ?
ניין, כ׳לעב נאך — מיין געזאנג
וויינען, ר׳טאר נישט אויפהערן !

„א חתונה ! א חתונה !“
ווען ווייט אוועק זיי ציען?!
א לוויה, א לוויה —
צוריק ז׳קומען צופליען —

צי איז דען דאס פייגל־געטשוויטש ?
פון אבלים דאס וויינען !
אויף בלעטלעך נישט טוי־געטריף,
זייערע טרערן ס׳זיינען.

די אלע קווייטן צעקוויקטע,
פאר טויט־קרענק זיי נאך טויגן;
די זון — ליימיק שברי־כלי,
שערבלעך צו לייגן אויף אויגן.

בלויז די לעבן באגראבנע,
וויאזוי זיי באגלייטן ?
די פאר חרפה זיך באגראבן
אין די נאצי־צער צייטן.

זע, פון נייע זעקס מיליאן שוין
נייע נאצים איצט טראכטן,
און איך כ׳קאן אלץ נישט פארגעסן
שטעטל מיינס אומגעבראכטן.

האב איך דארט הימל דערבליקט :
שוואלב, טויב, בין, בוים בליט בלומען
און מיט מיר צוזאם זאלסטו אצינד
שטעטל מיינס גאנץ אומקומען ?

בלויז די לעבן געבליבענע
ווער וועט, ווער קאן באגלייטן!?
צומאל א קראנץ פון אלע,
איצט בליענדיקע קווייטן.

ג

פייגל זיך ווידער אויספיקן,
ניגון שוין איבערבלייבן,
זיך וויגן צווישן די וואלקנס,
מאמע־ערד נחת קלייבן.

וויפל מאל פאלט פויגל פון נעסט,
די פליגעל אויסצושפרייטן,
ביז ארבע־רוחות טראגן אים,
דערגרייכן העכסטע ווייטן.

העכער איבער אלע הימלען,
טיפער טיפסטע תהומען,
ביז לעצטער רגע זינגענדיק,
חלום זיס אויסצוטרוימען.

ס׳שוועבן וואלקן־אויס וואלקן־איין,
ווי וואונדערלעך ס׳דערגרייכן —
דאס זינקען דערטריקען אין בלוי — —



ערשט ס׳שקיעהדיקע בלייכן !

ס׳וויגן וועלדער ווייט אוועק,
לוסטיק טייכן באגלייטן;
ווי ס׳צייטיקע צוויט אויף צווייגן,
צייט אייביקייט פארבייטן.

יא, דער ים קאן דיך איינשלינגען,
דער שפארבער ווילד צעפיקן,
דער בארג־אדלער מאיעסטעטיש
אויף פיצ־פיצלעך צעפיקן.

בלויז דאס געזאנג ביים אנקומען,
און ערשט ביים ווידערקערן — — —
וואסער ווערט ס׳לעבן, גאנצע וועלט,
איבער אונזער ליד אויפהערן.

צומאל מיט דעם איינעם קלאנג קוים,
קו־קו, קו־קו, ווי פריילעך — —
— פאריתומט הארץ נאך נעמט קלאפן
פריילינג גאנצער ערד־קיילעך.

איייזיק גאלדבערג

## — חיים נח בענקוויטש, ע״ה —

עס איז שוין אזא מנהג־העולם, אז עס גייט ווער אוועק פון אונזער ארים וועלטל אין דער אייביקייט, זאגט מען אים נאך שבחים. ווער עס האט אבער געקאנט, אדער געווען אין נאענטע פריינטשאפט מיט דעם באליבטן מענטש און ייד, חיים נח בענקוויטש, ע״ה, וועט צוגעבן אז ער האט כשר פארדינט מען זאל אים נאכזאגן גוטע שבחים.

שוין ביי דער לויה פונם נפטר, האט מען אים געמאכט א הספד. ווי עס האבן זיך באטייליקט עטלעכע רבנים און חזנים מיט וועלכע ער איז געווען נאענט באקאנט, אזוי אויך זיין משפחה, באזונדערס איז ווערט צו דערמאנען, דעם רעווערענד סאמועל וועבעט, פון דער העמערסמיד־סינאגאג. וועלכער האט אין קורצע שטריכן ארומגענומען דאס לעבן און די פערזענלעכקייט מיט זיין גייסטיקן ווערט אלס א רעליגיעז־טראדיציאנאלער ייד. דערצו נאך מיט א ליטעראריש יידישן וויסן, אין דער העברעאישער און אין דער יידישער ליטעראטור. בכלל האט מען געפילט פון זיינע

ווערטער, אז דאס זענען געווען „היוצא דברים מן הלב".

חיים נח בענקוויטש, איז געווען א זעלטענער טיפ, מיט א גוטן כאראקטער. א קלארע אויפאסונג איבער פארשידענע פראבלעמען. דערצו מיט א ווארם יידיש הארץ, מיטגעפילט אלע יידישע פיין און ליידן, מיטגעפרייט זיך מיט יידישער פרייד, אלעמאל געווען פאראינטערעסירט אין יידישע ענינים, סיי וועגן מדינת ישראל, סיי פון די תפוצות, אחוץ דעם האט ער געהאט א וועלטלעכע אויפאסונג. געווען בהבנט אין דער יידישער און העברעאישער ליטעראטור. דעם מילע פון דער אלטער היים מיטן יידישן שטעטל, האט אים באגלייט ביז זיין הויכן אלטער פון זיין לעבן. דאס האט אים געמאכט פאר א חסיד פון יידיש לשון און יידישע קולטור. אט מיט די מעלות איז ער געווען אצופרידענער געפונענדיק א פריי פעלד ביי די „יידיש ליטערארישע שבת נאכמיטאגס", און אין דעם זשורנאל „לשון און לעבן", אנגעפירט פון א. נ. שטענצל, ווו ער איז געווען אקטיוו. געליינט פון דער יידישער ליטעראטור און געשריבן זכרונות, פון זיין יוגענט, פונם יידישן שטעטל און פון אמאליקן יידישן ווייטשעפל, וועלכעס איז נישט ארויס פון זיין זכרון.

ער האט מיר אפטמאל געזאגט, אז עס איז א שאד וואס ער האט אזוי שפעט ערשט אנגעהויבן צו שרייבן זיינע זכרונות אויף די עלטערע יארן. ווייל ער האט נאך אזוי פיל ערינערונגען אין פארשידענע טיפן פון זיין יידיש שטעטל, און פון אמאליקן יידישן ווייטשעפל צו באשרייבן. און ער גלויבט קוים אז עס וועט אים מעגליך זיין כאטש א טייל דערפון ארויסצוברענגען.

אויך האט ער טיילמאל געשריבן אין דער צייטונג, „דאס יידישע פאלק", רעדאקטירט פון י. א. ליסקי, און איז אויך געווען גוט באקאנט און באליבט ביי די „פריינט פון יידיש לשון". און אויך ביי די „יידישע לעבעדיקע צייטונג", אנגעפירט פון דעם שרייבער און קולטור־טוער, יוסף פרענקל.

דערצו איז ער אויך געווען א יודע־ספר און אליין געווען באאיינפלוסט פון רעליגיעזע שטרעמונגען. בכלל איז ער געווען א זעלטענער טיפ, ווי מ'קאן אים באצייכענען אלס א טראדיציאנאל־וועלטליכן ייד. צו דעם אלעם נאך איז ער געווען פון די עלטסטע ציוניסטישע וועטעראנען דא אין לאנדאן, נאך פון די „חיבת־ציון". ער האט אויך געהאט א גרויסע השפעה אויף זיינע קינדער און איניקלעך אויף דעם געביט. אזוי אז זיי זענען אקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג, און איז אליין אויך געווען באקאנט און באליבט אין ציוניסטישע און אין אנדערע געזעלשאפטלעכע קרייזן. עס איז געווען א נחת־רוח מיט אים צו פארברענגען.

ואחרי ככלות הכל, איז גאר ווערט צו דערמאנען' אז חיים נח בענקוויטש ע"ה, איז געווען א מזלדיקער מענטש. ווי געזאגט א אחד מן האלף, וואס אחוץ דעם וואס ער האט דערגרייכט א הויכע עלטער פון 93 יאר, איז ער געבליבן גייסטיק קלאר, כמעט ווי א יונגער מענטש, ביז די



לעצטע טעג. ליידער האט ער אין די לעצטע צייט מיטן געזונט זיך נישט אזוי גוט געפילט. דאך האט ער אלעמאל דאס פארווישט מיט א המצלע . . . אין געזאגט, אז ג'אט שענקט שוין יא איינעם לאנגע יארן און ער ווערט אלט, מוז ער עס אויסקרענקען . . . ער האט אלעמאל געהאט הומאר געהאלטן אז מען דארף זיך נישט פארמיאוסן מיט צופיל קרעכצן פאר פריינט, באקאנטע, אפילו אויך נישט פאר אייגענע משפחה, ווייל קיינער קאן סיי ווי נישט העלפן און יעדער האט זיך זיין אייגן פעקל צו שלעפן . .

וועגן זיינע קינדער, איניקלעך, האט ער אלעמאל מיט שטאלץ און ליבע וועגן זיי גערעדט, און נאך געהאפט פון זיי נחת צו דערלעבן. פון דער אנדערער זייט, איז געווען די ליבע און דרך־ארץ פון די קינדער, איניקלעך און משפחה צו אים אין־לשער. אויך צו זיין נאענטע פריינטשאפט מיט פרוי, גוסטא גייפמאן, האבן זיי ארויסגעוויזן גרויס רעספעקט.

— איך בין דאך נישט מער אזוי יונג — פלעגט ער זאגן, דאך ווילט זיך עפעס נאך לעבן. ווייל איך האב ארום מיר אזוי פיל גוטע פריינט, באזונדערס אזא ליבע, טייערע משפחה, אזוי אז עס ווילט זיך פשוט, נאך נישט שטארבן!. . .

יעצט וויל איך מיר נאך דערלויבן א פאר ווערטער וועגן דער פריינטשאפט צווישן מיר און פריינט בענקוויטש ע"ה. איך גלויב מיט רעכט צו זאגן, אז צווישן אונז איז געווען — ווי מען זאגט — אן אמת'דיקע פריינטשאפט. מיר האבן זיך געקאנט,שוין א לאנגע פאר יאר. דורך דער צייט האט זיך, ווי עפעס פארוועבט צווישן אונז א אינדיווידועלע פריינטשאפט, פונם טיפן הארץ און נשמה. ביי זיין 90 יאריקן יובל, האב איך עס ארויסגעברענגט אין א פאעמע, וואס איך האב אים געווידמעט אלס א פריינטשאפטס־באגריסונג, אינם זשורנאל „לשון און לעבן". און אט בלויז א פאר צייל'ן דערפון.

— פריינט צו זוכן, פריינט צו געפונען,
איז אלעמאל, א גאר שווערע זאך,
ווייל פריינטשאפט קומט, פון פארבארגענע ווינקלען,
וועלכע זענען ניט דא, גאר קיין סך.

דאס האב איך אויך פון זיין זייט געפילט. ווען איך האב אים באגריסט אין דעצעמבער 1975 צו זיין לעצטן 93סטן יובל האט ער מיר הארציק געדאנקט, דערביי האבן טרערן געפלאסן פון זיינע אויגן . . .

מיר זענען זיך זער אפט צוזאמענגעקומען, אויך פריוואט, באזונדערס האב איך אים באזונדערט ביי אים אין דער וווינונג, ווי ער האט זיך באוויזן מיט זיין שטוב, וועלכע איז געווען ווי א קליינע „ביבלאטעק" פון יידישע, העברעאישע ביכער, אויך פון פארשידענע ספרים. ער האט זיך שטענדיק געגריבלט אין דעם ים פון ספרים און ביכער, מיט דעם האט ער געלעבט און געאטעמט . . .

אויך האט ער מיר געוויזן פארשידענע כתבים פון אים, באזונדערס

פון זיין פאטער, אויף וועלכע ער איז געווען אזוי שטאלץ, און דערציילט אז זיין פאטער איז שוין דאמאלס געווען נאענט און באקאנט מיט די „פני״ פון די אלטע ציוניסטישע פערזענלעכקייטן.

ווי אפט מיר זענען זיך צוזאמענגעקומען, האט קיינמאל נישט געפעלט קיין ווארט־אויסטויש צווישן אונז איבער פארשידענע יידישע און וועלטלעכע פראגן און פראבלעמען. אין דיסקוטירט אין א געמיטלעכן אופן, אזא פריינט קאן מען נישט פארגעסן . . .

דאס אלעס וואס איך דערמאן דא צום אנדענק פון מיין אזוי נאענטן פריינט און חבר, חיים נח בענקוויטש ע״ה, איז אויך מיט רעכט אין נאמען פון אלע זיינע נאענטע פריינט, און פון פרוי גוסטא גייפמאן, באזונדערס פון מיר און מיין ליבע פרוי צביה, וואס מיר וועלן אים אלעמאל צום גוטן געדענקן.

זיינע קינדער, אייניקלעך, און משפחה וועלן געפונען א טרייסט, אין זיין גוטן נאמען, וואס ער האט איבערגעלאזט.

כבוד זיין אנדענקן!

סעם גאלדבערג

## א טרויער-בלימעלע אויפן פרישן קבר פון קינסטלער, אקטיאר און רעזשיסאר דוד ליכט

דוד ליכט, וועמעס ריכטיקער נאמען איז דניאל פראנקעל, שטאמט פון א סוחריש־רעליגיעזער שטוב אין לעמבערג. שטודירט האט ער אין ווארשע ביי דוד הערמאן אין דער סטודיא, וואס ער האט אויך פארענדיקט. ארויסווייזנדיק זיך באלד פאר איינעם פון די בעסטע סטודענטן

ווען איך האב געשפילט אין ווארשעווער „צענטראל־טעאטער״ און אין קאמינסקיס טעאטער, האט דוד ליכט אויפגעפירט „שריי כינע״ אין טעאטער אויף דער ביעלאנקע גאס, נומער 7. און דער בעסטער אקטיאר אין אט דער פיעסע איז טאקע געווען נישט קיין אנדערער ווי דוד ליכט אליין.

א שטילער פון דער נאטור, האט ער אלעמען איבערגעשטיגן מיט זיין באשיידנקייט.

און ווען איך האב געשפילט טעאטער אין פאריז, אין יאר 1938, האט דוד ליכט דארט אויפגעפירט א ריי ווערק פון ה. לייוויק מיטן איקוף, ווי „די ארימע מלוכה״, „א חתונה אין פערנוואלד״, „אפרים פון ראטענבערג״ און אנדערע. אויך האט ער אויפגעפירט „מנחם מענדל חלומט״ לויט שלום עליכם, אהרן צייטלינס „אין קיינעמס לאנד״, דוד בערגלסאנס „פרינץ ראובני״ וועגן וועלכער פיעסע מיר האבן געשריבן א רעצענזיע, וואס האט זער אויסגענומען. די דאזיקע רעצענזיע האט ער זיך באהאלטן. ווידער האט ער אויפגעפירט „מיין טאטנס בית־דין שטוב״ פון יצחק באשעוויס, אין דער



„פאלקסבינע״, ניו־יארק, „פארבליבן איז דער ניגון״ לויט י. ל. פרץ, און נאך אנדערע.

דוד ליכט איז געווען א פרוכטבארער קינסטלער, האט אינסצעניזירט, ווי מיר האבן שוין געזען, פיעסן אן א צאל, אויפפירנדיק זיי מיט פראפעסיאנעלע שוישפילער. זיין אויפפירונג פון י. ל. פרצס „ביינאכט אויפן אלטן מארק״ איז געווען א מייסטער־ווערק וואס איך בין עס שפעציעל געגאנגען זען. די לעצטע פיעסע אויפצופירן פון אים איז געווען יעקב גארדינס „גאט, מענש און טייוול״ אין טעאטער „די פאלקסבינע״, וואו דער טייוול האט מיט אים „אפגעשפילט״; מיטן לעצטן אקט פון אט דער דראמע איז אויך געווארן א סוף צו זיין קינסטלעריש לעבן!. . .

חבל על דאבדין! א שאד, א שאד, ווייל נאך אזעלכע ווי דוד ליכט האבן מיר — ליידער! — נישט.

אין זיין אויפפירונג פון „שריי כינע״ האבן אנטייל גענומען א צאל פון די בעסטע קינסטלער דעמלט אין ווארשע, ווי אברהם מארעווסקי, רחל האלצער, ראטשטיין, יעקב קירלענדער, דער אלטער דוד בערמאן, רייכנבערג, געטליכערמאן, זאסלאווסקא, לעדערמאן און אנדערע, וועמעס נעמען מען קען נישט אלעמאל האלטן אויפן זכרון.

אין „הבימה״־טעאטער תל־אביב, האט דוד ליכט אויפגעפירט „די כלה וויל א פרינץ״ אויף עברית!

אחוץ וואס דוד ליכט האט סטודירט ביי דוד הערמאן, האט ער אויך אדורכגעמאכט א דראמאטישע שולע ביים פוילישן טעאטער. דוד הערמאנען פלעגט מען אפטמאל זען אין יידישן ארטיסטן פאריין אויף לעשנא 2, אין ווארשע, וואו איך האב אמאל געהאט א לאנגן שמועס מיט אים וועגן דוד ליכט. „נאך אזא איינעם ווי דוד ליכט, וואס האט געהאט אין זיך אזא הומאר, האט ער נישט אין זיין גאנצער סטודיא״, אזוי האט דוד בערמאן זיך אויסגעדריקט וועגן אים פאר מיר. געוויס נישט!

אין יאר 1938 האט דוד ליכט חתונה געהאט מיט א קוזינע פון מיין פרוי, און אזוי ארום זענען מירגעווארן פארוואנדט. ער האט אפגעלעבט מיט זיין לעבנס־באגלייטערין גאנצע זיבן און דרייסיק יאר, זייענדיק צו איר א טייערער, גוטער מאן, פון וועמען עס איז זער שווער זיך צו שיידן. זאל די פרוי זיינע טאקע מער נישט וויסן פון קיין צער!

א ליבער חבר און אטייערעקוזין איז פון אונז אוועק אויף אייביק ביי זיין שענסטער און בליענדיקסטער ארבעט. חברים, שרייבער און דאס פובליקום וועלן אים קיינמאל נישט פארגעסן. ווי שוין געזאגט, איז ער געווען שטיל און איידל אלס מענטש, א טייערער שוישפילער און, אן ספק, אן אנגעזעענער רעזשיסאר!

כבוד זיין אנדענק.

משה דאמב

# דאסטאיעווסקי און די היינטיקע גרויזאמקייט

דער אנטיקער האדעס, די דייטשע לאגערן, דער מוזעלמענישער עלביז, דאנטעס גהינם די ספאנישע אינקוויזיציע, קען מען פארגלייכן צו דאסטאיעווסקיס שילדערן מענשליכע ליידן און טיף פיכאלאגישע און מאראלישע איבערלעבונגען.

א הונגעריקער, מיט ליידיקע קעשענעס, א פארשפילטער אין די קאסינאס, וואנדערט דאסטאיעווסקי איבער די פינסטערע פארק־אלעען, דא האט ער אויסגעקלערט דאס גרויסע ווערק אין דער וועלט־ליטעראטור, „פארברעכן און שטראף".

אין דעם בוך פירט ער א דיסקוסיע מיט ג·אט, ער פרעגט, צי דער מענש דארף אדער מוז אויספירן די צען געבאט. שרייבענדיק פארברעכן און שטראף שטייט ער פנים לפנים מיטן תנ"ך, מיט דער עוואנגעליע, און ג·אט. ראזקאלניקאוו, א פעאיגער סימפאטישער בחור א שטודענט, ער פרעגט זיך אליין: פארוואס זאל איך ניט מארדן? כ'בין פול מיט כוח, און פעאיקייטן, כ'וויל ברענגען די וועלט און די מענשן גוטסקייט, כ'וויל גליקליך מאכן די געזעלשאפט, און אט דא לעבט א געמיינע לויז . . . אן אלטע פראצענטניטצע, זי האט א סך געלד און וויל ניט העלפן איר שוועסטער, וואס איז ארים און הונגעריק . . . איר געלד אין מיינע הענט וואלט געבראכט אסך פרייד צו מענשן, פארוואס זאל איך דאס ניט צונעמען?

פיל מענשן האט נאפאלעאן דערהרגעט כדי צו דערגרייכן זיין ציל, ראזקאלניקאוו מערדערט די אלטע פרוי, גלייכצייטיק קרייזן ארום צוויי גהינימשע רעדער, סערשטע ראד איז ביים אויספירן דעם מארד, סצווייטע ראד איז, ווען ער מוז גלייכצייטיק מארדען איר שוועסטער, ביים ערשטן ראד פארגעסט ער שנעל דעם טיף פסיכאלאגישן ליידענדן פלאנטער, ביים צווייטן ראד פון מארד שטעלט ער זיך פאר דעם מיטלאלטערן טייוול; דאס איז דער ראד פונם אקייגנשטעלן זיך זיין אייגענעם וויל נייגונגען מודה זיין זיך צו דער שולד און ערערקלערט זיך שולדיק עפענטליך.

דאס געזעץ האט געזיגט, מע טאר ניט הרגענען, דער אייביקער געראנגעל מיט דער מאראל האט געזיגט, דער מענש מוז זיין ארנטליך.

אין „אידיאט" איז פרינץ מישקין דאסטאיעווסקי און יעזוס קריסטוס, דאסטאיעווסקי איז זיך מודה, שאפענדיק דאס אידיאט האט ער געוואלט שאפן אן אידעאלן טיפ וואס זאל גיין אין ג·אט'ס וועגן, דאס בוך איז געשריבן אין קאטוילישן גייסט, ער איז דאמאלט באאיינפלוסט פון דער מעריבדיקע קולטור, סערוואנטעס דאן־קישאט, דיקענס טיקוויק־קליב, דאן־קישאט איז ניט בלויז קריסטלעך ס'איז א קאטויליש בוך, דעם נאמען אידיאט האט דאסטאיעווסקי גענומען פון א גייסטיק־קראנקן אנשטאלט מיטן



נאמען „יאראדען" ווו מען היילט אידיאטן, דאס איז א בוך מיט א ספעציעלע קריטיק איבער איראפע, פרינץ מישקין זאגט: קאטאליציזם איז ניט א קריסטליכע רעליגיע. דער דראמאטישער מאמענט אין אידיאט איז דער קאמף צווישן ג·אט און די מענטשליכע נאטור, פרינץ מישקין איז באאיינפלוסט פון קאשהעהיזם און די עוואנגעליגע, דער פרינץ איז דאסטאיעווסקיס געשטאלט. דאסטאיעווסקי דערציילט ערגעץ אין אידיאט ווען פרינץ מישקין איז געשטאנען אין א פלאץ ווו מען האט געזאלט איינעם אויפהענגען, איז צו אים צוגעקומען א יינגעל און פארקויפט א צלם, דאסטאיעווסקי האט אויך אמאל געקויפט א צלם ביי א שיכור; ער האט צו אים געזאגט: קויף דאס צלמל כ'דארף געלד פאר בראנפן . . . ער האט דאס צלמל געקויפט גלייכצייטיק האט אים וויי געטון; ער האט געזען א בושה אין האנדלען מיט רעליגיע, טראגיש האט זיך געענדיקט דאס בוך „אידיאט" דאמאלט שטארבט דאסטאיעווסקי'ס טעכטערל סאניא.

פארברעכן; טויט, טעראר, בושה, ערנידרונגען רעליגיע מיט אט דעם ראנגלען זיך דאסטאיעווסקיס מענשן, דאסטאיעווסקיס זינדל אלעקסי שטארבט אויף עפילעפטיע; ער פילט זיך איינזאם, טראגיש; ער זוכט א טרייסט אין רעליגיע; ער באזוכט א קלויסטער, ער וווינט דארט צוויי טעג, אין דעם קלויסטער איז אים געקומען דער געדאנק אנצושרייבן „די ברידער קארמאזאוו" ער באשרייבט דעם קלויסטער, דעם המון; און די גלחים, דארט האט ער געזען דעם גייסטלעכן זאטימא, דעם יינגן קארמאזאוו אלעקסי, וואס הייסט נאך זיין זינדל, אין קיין ווערק פון דאסטאיעווסקי איז ניט דא אזא טיף פסיכאאנאליטישע שטריכן ווי אין ברידער קארמאזאוו. דאס ווערק האט ער געשריבן פארן טויט, דאס איז דאסטאיעווסקיס ווידוי, טעאדאר קארמאזאוו דער פאטער פון דריי זון איז אן אלטער בעל־עבירניק, זיינע זון, דימיטער, איוואן, אלעקסי, און דער באדינער שמערדניאקאוו (וואס שטאמט פון שטינקען) דער אלטער האט פארגוואלטיקט א מאל א שלעפערין, פון איר איז געבוירן שמערדיאקאוו, ער באדינט דעם פאטער און שפעטער ערמארדעט ער זיין טאטן, און אליין הענגט ער זיך, פאר דעם מארד פון פאטער ווערט דימיטרי באשולדיקט און ווערט פאראורטיילט אויף צוואנציג יאר תפיסה.

לובאווא, דאסטיעווסקיס טאכטער, שרייבט אין אירע זכרונות, אז טעאדאר קארמאזאוו, איז א פראטאטיפ פון דאסטאיעווסקיס פאטער. די ברידער קארמאזאוו האט דאסטאיעווסקי איבערלעבט אויף זיין פסיכאלאגישן שטייגער ניט אין זין פון פאקטן און פערזענליכן לעבן, נאר אין זיין פאנטאזיע, אין זיין טיף פסיכישן צושטאנד און פסיכאלאגישן שטייגער, דאסטאיעווסקי איז דער קאמפליצירטער דימיטרי, דער אידעאלער פרינץ מישקין, דער מיסטיש־רעליגיעז אלעקסי, דער ג·אט־זוכער, ער האט דרך ארץ פארן אלטן סאזימא ווי פאר דעם שליח פון יעזוסן, אלעקסי פארלאזט דעם קלויסטער אויפן באפעל פונם אלטן זאסימא, אים האט אנ־

טוישט דער קלויסטער, אלעקסי האט ערווארט ניסים און דאך גייט ער אין גאטס וועגן כאטש ער האט שווער איבערלעבט די אנטוישונג אין גלויבן איז ער געבליבן אויף גאטס צד, ער האט פיינט צעשטערונג, ווען ער באקענט א יינג מיידל, דערציילט זי אים: כ'וויל צעשטערן מיין הויז וואס כ'האב אויפגעבויט אין מיין פאנטאזיע . . .

אלע דאסטאיעווסקיס העלדן ליידן און פירן מיט זיך אן אינערליכן קאמף, דער טייוול באזוכט קארמאזאוון און פירט מיט אים דיסקוסיעס, וועגן גאט, לעבן, טויט און קאמף פארן דאזיין, דאסטאיעווסקי איז געווען אן אנאכיסט, מיט מורא פארן אייגענעם אנאכיזם אנטליפט ער אונטער דער אויפזיכט פון גאט און צאר.

אין בוך „זכרונות פון טויטן הויז" זעט ער אקאליידאסקאפ פון מענשן מיט פארשידענע גלויבונגען, ער באקענט א ייד און באציט זיך צו אים מיט גרויס דרך ארץ ווייל דער ייד איז זער פרום, עז זעט אים פרייטאג־צונאכטס איינגעוויקלט אין א טלית, און שטענדיק זאגט ער תהילים, דער ייד איז ביי אים דער אויסדרוק פון מאראלישע צרות ביים יידענטום, אלע דאסטאיעווסקיס מענשן לעבן איבער שווערע מאראלישע צרות. ער דערציילט: געשמידט אין קייטן איז ער געגאנגען איבער דער שטאט אמסק, א קליין מיידעלע האט אים נאכגעיאגט זאגענדיק: דא האסט דו אומגליקליכער א קאפיקע . . . ביי זיך האט ער א טראכט געטון: עך, ווי זער אומגליקליך איז דער פארברעכישער רוס . . . דאסטאיעווסקי פלעגט בייזיין אין געריכט אויף פראצעסן פון פארברעכער און נאכדעם פלעגט ער זיי שילדערן אין זיינע ווערק, דאסטאיעווסקיס ליידנשאפט איז געווען קארטן־שפיל, רולעטע, ער פלעגט נעמען זיין ווייבס צירונג, דעם פוטער־פאלטן און פארזעצן אין לאמבארט, ער האט זיך שטארק פארשולדיקט, געבארגט געלט ביי טורגעניעוו, טורגעניעוו פלעגט אים זידלען און דאסטאיעווסקי האט אים קריטיקירט פאר זיין בוך „דער רויך" וואס מאכט צונישט רוסלאנד. דאך האט אים טורגעניעוו כסדר געשיקט געלד, כאטש ער האט געוווסט אז ער פארשפילט אלעס אין קארטן און לעבט אין ארימקייט. דאסטאיעווסקי האט געוווסט ווי דאס ערנידריקט און באליידיקט אים, דאך האט ער זיך געפילט אינערליך ערהויבן אין איין נאכט האט ער פארשפילט טויזנט רובל, דאס פארשפילן האט אים פסיכאלאגיש באווירקט און מיט שפאנונג האט ער געוואלט צוריק געווינען דאס פארשפילטע, אבער קיינמאל ניט געווען נידערגעשלאגן, פסיכאלאגיש האט אינערליך אים גערייצט צו פארשפילן, כדי זיך צו קלאגן פאר פריינד ווי ער ליידט און ווי ער וואלט גערן געוואלט ליידן, ווי זיינע העלדן. ווייל דורך ליידן ווערט דער מענש געלייטעדט און אינערליך דערהויבן.

טיף אין זיך האט דאסטאיעסקי ניט ליב געהאט מענשן, ער האט געוווסט דאס דער מענש שטינקט ווי שפיערדיאקאוו, פארדארבן ווי די קארמאזאווס, פארברעכיש ווי ראזקאלניקאוו, אבער דער מענש קען ווערן



א פרינץ מישקין אן אידעאל באשעפניש פון גאט.

האמלעט פילאזאפירט, אז ס'זענען ניט דא שלעכטקייטן ביים מענש, דאס האט דער מענש אויסגעטראכט, דאסטאיעווסקי לעבט איבער ערנידערונג און באליידיקונג און זעט ווי אומגערעכט שעקספיר איז, „ווייסע נעכט" און אין „ערנידריקטע און באליידיקטע" שילדערט דאסטאיעווסקי דעם טראגישן גורל פונם מענש די באדינגונגען און די אומשטענדן פון דער צייט, שאפן די ווערק: „פארברעכן און שטראף", „די ברידער קארמאזאוו", „ארימע מענשן", דאסטאיעווסקי גלויבט אז דער מענש ווערט דורך צרות געלייטערט און קען זיין גוט און איידל ווי פרינץ מישקין, אלעקסי, און דער אלטער סוזימא. מלחמה, רעוואלוציע, טעראר, און גרויזאמקייט שאפט די צייט און די באדינגונגען אין וועלכן די מענשן לעבן, ראזקאלניקאוו האט געלעבט אינדערצייט נאך דער נאפאלעאנישע מלחמה און דער צארישע אונטערדריקונג און ארימקייט און נויט, דאסטאיעווסקי האט אליין שטארק געליטן, געווען פארשיקט אין א קאטארגע, פארמשפט צום טויט, זיין ברודער האט מען געהאנגען, געקרענקט אויף עפילעפסיע, אייביק האט ער פארשפילט אין די קאזינאס, געהונגערט, אנגעבארגט זיך געלד שרעקליך געליטן פון די מענשן, טאלסטאי האט זיך קיינמאל ניט געפונען אין זיין אומשטענדן, ניט געהונגערט ניט אין די קאטארגע, פאר דאס האט ער ניט געזען ווי שלעכט אונמידריק דער מענש קען זיין, גארקי האט איבערלעבט א גהינם, דאך געזאגט: דער מענש איז א הייליקע זאך. טשעכאוו האט געגלויבט אין מענש, אבער מען דארף ערציען און היילן דעם מענש, כדי צו זיין ניצליך פאר דער געזעלשאפט און דער וועלט, דאסטאיעווסקיס אינדיווידואליזם וויל זען אין מענש דעם פרינץ מישקין, אן אידעאלע גוטסקייט, ניט מיט די אידיאטישע גרויסהאלטעריי. וואס טיף פסיכאלאגיש און מאראליש מוז צום סוף ברענגען דעם מענש צו ליידן און צעשטערונג פון א בעסערע צוקונפט און א רואיקע וועלט. מלחמות, טעראר, פאגראמען, גרויזאמקייט, האס, קען די מענשהייט אפשטעלן און זיין גליקליך ווען זי וועט ערציען א נייעם דור.

— איראניע מיט אראפגעלאזטער ניאניע —

1

נישט אין תפיסה, נישט אין משוגעים־הויז,
אין די קאפעס מען זיצט, מען דיסקוטירט בלויז
איבער גארנישט־מיט־גארנישט — איבער א לויז!
מען רייסט זיך איינער דעם צווייטן די האר אויס.

פשוטה כמשמע — מ'„וואשט זיך די קעפ"!

ס׳האלט טאקע טיילמאל שוין באלד ביי געבן קלעפ;
פארשלאפן, טויט־מיד, קוים אהיים איך מיך שלעפ,
קוים מיט צרות ארויף כ׳קריך די קרומע טרעפ.

א געהרגעטער כ׳שלאף איין אין קאלטן בעט!
אפילו אין חלום פרעמד מיר פרייטלעכסטער גלעט —
נישט קיין ליבע כ׳פיר, נישט איך האלט ביי א גט!
צומאל נישט א „ווינגער" אויף א פערד געוועט.

ניין, ניין, נישט אין קיין חלום איז עס געוועזן,
פארוואר, נישט אין וויזיע קיין זעאונג געזען!
קיין שום בת־קול רופט מיך: „קום אהער־צו, געגנען!"
ראפטום פון הימל געפאלן, ס׳איז געשען —

פינסטערער הייל מיין שטוב, איך—כראפע א בער!
און מיטאמאל אויפגעריסן וואך איך ווער,
נישט קיין שטימע פון אויבן כ׳פארנעם און הער —
פון חשכות ארויס עס פרעגט מיך עמעץ־ווער:

„ווילסטו טאקע, אז סאוויעט־רוסלאנד געווינט?
אויפן ארט שוין דא אצינד ענטפער געשווינד!
אן חכמות, בלא דריי, בלא קונץ — שוין אצינד!!
רויט אדער טויט באותה־רגע — די הויט איך שינד!!!"

שטאק־פינסטער ארום, פארשלאפן איך ברום טויט־מיד:
„אז ווער קאן זיך איצט אויס אין דעם וועלט־יאריד?
באמת, איך ווייס נישט — ווי איך בין א ייד!
אז סך־הכול וואס כ׳וויל — שרייבן נאך א ליד".

2

אויב געצוואונגען נאך קעגן די יידן צו העצן,
א צייכן, נעבעך, שוואכלעך אין מוח און אין כוח;
אז מ׳האנדלט שוין מיט „ידים ידי עשיו",
מ׳חלשט א טעלער ארבעס מיט יויך.

דאס אייבן א חבריש ווארט צו קאמראדן!
אחינו בני־ישראל אבער זייט געווארנט,
רייצט נישט צופיל דעם בער, ער שלאפט טא לאזט אים שלאפן,
אויפגעכאפט זיך, א רויט־צעכעסטער, דערצארנט.



צעטרעטן ער ווערט אלץ, וואס קומט אים אונטער די פיס — —
מאלע וואס מיר מיינען: פושקין, גארקי, טאלסטאי,
א בפירושער פסוק שוין: „בית עשיו לקש"—
א גוי א שכור צינדט זיך אן, ברענט ער ווי שטרוי.

א, די ציין נאך כ׳שפיר אין מיין לייב פון קולבאקס טויט,
פון שלמה מכאלס דעם גרויסן מענטש און ייד,
און בערגעלסאן און מארקיש און פעפער און נסתר — —
אלע אויסצוציילן דאס הארץ אזוי טויט מיד.*

האט גערמאניע נישט געהאט א געטע א שילער
און ס׳ריכטיקע פרצוף באוויזן ווער עס איז?
שרייט מען נישט אויס פון דערווייטן ווען מען זעט די שלאנג,
נישט ערשט, ווען באקומען שוין דעם גיפטיקן ביס?

אויב מען ברויכט נאך יידיש בלוט צו שמירן די רעדער,
האלטן נאך אלץ די פירער דאס פאלעק פאר פערד — —
ווי, ווען זיי שטעלן זיך דובאס, ס׳העלפט שוין נישט די בייטש,
דעמלט גייט אלץ שוין פארקערט — מיטן קאפ אין דר׳ערד.

זיץ איך אין קאפע איצט, ליג איך אין בעט און כ׳חלום?
א ווילדער מיראזש עס דרייט זיך צעדרייט מיין קאפ!
כאטש אים אראפצורייסן און א שליידער צו טון,
ווי ירמיה דעם ארדענעם, דעם ליימיקן טאפ.

## אז אך און וויי צום געלעכטער

1 טיעזע

אז מען מאכט פון סאכעס שווערדן,
וויאזוי נבואה מקוים ווערן?
וויאזוי האס צווישן פעלקער
אויף אייביק שוין אויפהערן?

מסחרט מען נאר רק און תמיד,
מיט מלחמה, זעלבסטמארד, כלי־זיין,
כאפט זיך אויף דער ברודער קין,

---

* די איראניע פון דעם־א טרויעריקן ליד —
מ׳קען אויך רעהאבילירן א גענאסיד . . .

וואס האט, נעבעך, נישט צו קייען.

2 אנטי־טעזע

אז אך און וויי צו די מענטשן,
אויף אזא מדריגה געקומען —
וואיענדיק הונגערט דער וואלף,
אזש לאם ציטערט־אויף פון זיין ברומען.

מאכט דאך ווייניקער כלי־זיין,
וועט עולם האבן מער צו קייען —
דער גויאישסטער קאפ אפילו
אזא רעיון קאן לייכט פארדייען.

3 סינטעזע

אינם געוויין פון לעמעלע
אזא וויי ס׳קאן אמאל שטעקן,
אזש ביים גרימיקן לייב צומאל
ס׳מעקען דערבארעמונג קאן דערוועקן.

און אידער וואס און אידער ווען,
דעם וואלף דער לייב גאר פארדייען,
און אין דעם פעטן, זאטן בויך
גיי שריי דעמלט „חי וקים!“

## דור־דורותדיקער דויער־באדויער

א

פון עמוס ביזגל קארל מארקס,
וויפיל דורות אין שווערן טראט,
און נאך אלץ איבער א פאר שיך,
איינער צווייטן הרגעט, א גאט.

און יעטווידעס פאלק, דאס מינדסטע,
עס געפינט שוין דאס גרויסע ווארט,
איינס ס׳אנדערע עוקר צו זיין,
פאר נאך כאטש ארבע אמות ארט.

אז גארנישט ס׳קאן דעם מענטש העלפן,
צומאל אפילו גאט אליין,
ביז נישט דערפילן הארץ א הארץ,



און אינער דעם צווייטנס געוויין.

א, ליגנעריש וויינען ס׳קאן מענטש,
און ווי פאלטש ר׳קאן זיין ווען ער לאכט.
און ס׳הייליקסטע פון הייליקן
ווי קאן עס זיין קונציק געמאכט.

ב

נישט פון טיפסט געפילט, נישט פון העכסט פארשטיין —
מיט ווארט, מיט ערלעכן קאנען אויסגיין,
דאס אין־סופיקע זיך אויפגעבויט.

ווי בלוטיקעס צעברעקלט, צעקריישלט,
געשלייפט, געקניפט, פארפלאנטערט פארוויקלט —
זיין געטריף ס׳גייט נאך אויף אזוי רויט!

אייביק ווארט בלייבט אייביק באשטיין
און וועט גאנץ וועלטל אינזערס אונטערגיין,
נישט בלייבן קיין פעדעמל, קיין צווייט.

א שפאגל נייע באשאפן עס ווערט,
דאס ערלעכע ווארט קיינמאל נישט אויפהערט —
שם־המפורש פון לעבן אין טויט.

ג

וואס איז א קאפ אן א געדאנק?
דאס זעלבע וואס א הארץ אן געפיל —
אן זשארנעס הויך אויפן בערגל,
רוח־ווייסט־וואס ס׳דרייט א ווינדמיל.

ס׳נעמלעכע אן מאמע־לשון,
שבעים־לשונות ריידנדיקער ייד;
עס איז ווי אן א מינדסט געפיל,
העכסטע־הויך געדיכטעט געטלעך ליד.

ווי הבדלהדיק מ׳קען פלעכטן,
העכסטן געדאנק אזוי רעכט און עכט,
און אין האנט א חלף האלטן,
און שחטן אויף כשר לינקס און רעכט.

קין־הבל־קנאה־שנאה,
דור־דורות שוין אין בלוטיקן גאנג,
בלויז ווילאנג נאך ז׳ועט דויערן?
באדויערן נאך, נישט אין געזאנג.

## א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס

לכבוד פסח, ווען מ׳דערמאנט זיך אין משה׳ס שטעקן וואס אט איז ער געוואָרן א צישנדיקע שלאנג און אט גאר געשפּאלטן דעם ים און וואסער פון א שטיין געצויגן, טא וואס קאן מען שוין א סך ברייען מיט א שטעקעלע אריין א שטעקעלע „ארויס״? אז אפילו דעם כ״ח פונם רבינס שטעקן האט עס נישט, צומאל נישט דעם שמש׳ס וואס שמייסט מיט אים די מלקות ערב־יום־כיפור דעם גביר פון שטאט אויף דער שוועל פון דער שול.

ווען מיר לכבוד חג־הפסח מיט קורח־גראם: „איראניע מיט אראפּגע־לאזטער נאניע״־גראם — „כך עשה הלל שהיה כורך מצה ומרור ש.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

דער באקאנטער זינגער און אקטיאר סעם גאלדבערג פארט אפּ די טעג אויף א טור קיין אמעריקע. ביי די שבת־נאכמיטאגס איז געפּראוועט געווארן א צאתכם־לשלום־פייערונג לכבוד דעם ארטיסט.

די שרייבערין אסתר און איר מאן אברהם ערלעכמאן האבן מיטגעמאכט אפּעראציעס. מיר ווינטשן זיי געזונטע און לאנגע יארן און א גוטער זקנה.

דער לאנדאנער אקטיאר פיניע גאלדשטיין איז געשטארבן אין באנעסאיירעס; זיין פא־טער יעקב גאלדשטיין האט נאך געשפּילט מיט אברהם גאלדפאדן.

אין ישראל־בוך פארלאג, תל־אביב איז ארויס א בוך פון דעם באקאנטן שרייבער און ליטעראטור־פארשער דר. יעקב י. מייט־ליס, אונטער דעם טיטל „אין גאנג פון דורות״. עס איז אן אפּקלייב פון עסייען וועגן תנ״ך,פּ אלקלאר און ליטעראטור און געהאט ביז איצט גאר א ווארעמען אפּרוף אין דער יידישער פרעסע, סיי אין ישראל און סיי אין די אמעריקאנישע לענדער.

די גוט־באקאנטע אקטריסע מרים בלו־מענזאן געפינט זיך אין לאנדאן האספּיטאל אויף אן אפּעראציע. מיר ווינטשן איר א רפואה שלימה.

ביי די יידיש ליטעראַרישע שבת נאכ־מיטאגס איז געפייערט געווארן 100 יאר יידיש־טעאטער. נאכן רעפעראט מכוח יידישן טעאטער, האבן אויפגעטרעטן די אקטיארן הערי אריעל, לעאן בלומענזאן, בערנארד מענדעלאוויטש און סעדי סקאפ. א ספּע־ציעלער פּראגראם איז אויפגעפירט געווארן דורכן אנפירער פונם לאנדאנער יידישן טע־אטער־קאלעקטיוו הערי אריעל, וועלכער איז באשטאנען פון סצענעס פון „טוביה דער מילכיקער״ פון שלום עליכם, לידער פון אברהם גאלדפאדן, רעציטאציעס פון שריי־בער אומגעקומענע פון דיד ייטשע רוצחים.

גילעד לידער, דער זון פון רות און מיכאל לידער, דאס אייניקל פון בר־כוכבא נאראד (פונם נאראד־פערלאג) ווערט בר־מצוה אין תל־אביב—א הארציקן מזל־טוב און גרויס נחת! זאל עס דאך זיין א טרייסט צו דער גאנצער משפחה צום פלוצימדיקן טויט פון לילי נאראד, דיבאבע פונם בר־מצוה.

לילי נאראד ע״ה איז געווען א טאלענ־טירטע קלאוויר־שפּילערין און דריגענטין און די גרינדערין פונם וויצא־פרויען־כאר און אויך די קלאוויר־שפּילערין ביים קול־רינה כאר.

אונזער טרייסט צו חבר רעגן, צום פאר־לוסט פון זיין ליבע פרוי.

ש. גאלדשמידט און זיין ליבע פרוי זיינען געווארן באבע־זיידע. מיר ווינטשן זיי און זייער טאכטער און איידעם, די טאטע מאמע פון דעם פריש געבוירענעם א הארציקן מזל־טוב.

אייזיק גאלדבערג איז געווארן א בן שמונים, מ׳האט אים געפייערט ביי די שבת נאכמיטאגס.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

446־49 37׳סטער יארגאנג מאי־יולי 1976 לאנדאן

אינהאלט:

דאס ירושה קניפל ..... *** 3
שלום־עליכם (צום זעכציקסטן יארצייט) ..... ש. י. גאלדשמידט 13
נעט רובין 100 יאר יידישע טעאטער ..... 15
צום יארטאג פון געטא אויפשטאנד ..... מאיר באגדאנסקי 19
ווען יצחק באשעוויס־זינגער איז געווען א מאדעל פאר א מאלערין
..... יוסף וו. פ. סטאפּעלמאן 22
א בילד פון יצחק באשעוויס־זינגער ..... קלארא קלינגהאפער 24
מיין ערשטער האנאראר אין ווייטשעפּל, אין מיינע ד׳ אמות
..... א. נ. שטענצל 26
יצחק פערלאוו — דער נס־מענטש ..... סעם גאלדבערג 44
צו ישראל (ליד) ..... אברהם זאק 50
דאס „מעשה בוך פון מיין לעבן״ ..... מלך ראוויטש 50
א שטעקעלע אריין א שטעקעלע ארויס. אקמצא ובר קמצא חרוב
ירושלים ..... 53
מיין ווייבל (ליד) ..... אייזיק גאלדבערג 54
א באגריסונג פאר אייזיק גאלדבערג ..... נ. מ. סידא 55
אייזיק גאלדבערגס יובל (באריכט) ..... דוד בערמאן 55
וויקטאריא־פארק אלט לאנדאנער פאלקסליד ..... 57
חג מתן תורה ..... יוסף בן שמעון 58
שאכער מאכער (ליד) ..... ראדזשער האריס 60
צו אייזיק גאלדבערגס געבורטסטאג ..... עלא זילבערג 61
ריינע די מעלה הייבט זיך אן (ליד) ..... דערעק ריד 61
באגריסונג צו דער קאנפערענץ אין ירושלים ..... 63
לאנדאנער קולטור ידיעות ..... 64

רעדאגירט א. נ. שטענצל
פרייז 15 פענס
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס 3 אזייגער באומאנטס גראַוו, א.1.

*Published and edited by A. N. STENCL, 7 Greatorex House, Greatorex Street, E.1, and printed in England by the Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1.*